ספר

שפך שיח

והוא פירוש וביאור על התפלה היקרה

„אבינו מלכנו".

וכל חרוז מבואר עפ"י משל

מאת הרב הגאון הדרשן המפואר רבי אייזיק סטאליאר

אב"ד דק"ק ראצקי

עפ"י בקשת רבים העתקנו את הספר היקר הזה לשפת יהודית המדוברת לזכות את הרבים .

מיר האבען איבערזעצט אויף יודיש דעם טהייערען ביאור אויף די הייליגע תפלה „אבינו מלכנו" כדי מזכה הרבים צו זיין .

EMUNA PUBLISHING
142 Rodney Street
Brooklyn, N.Y. 11211
388-8812 — 384-0002

כל הזכויות שמורות אצל
הוצאת אמונה
© Copyright 1969 by
M. G. & J. G.

פתיחה.

דער שטײַגער איז: װען מ'זאָגט „אבינו מלכּנו חטאנו לפניך", קלאַפּט מען זיך אין האַרצען. דאָס זעלבּע איז װען מ'זאָגט „אָשמנו" און „על חטא". דאַרפֿען מיר פֿאַרשטײן װאָס בּעדײַט דאָס דער קלאַפּען זיך אין האַרצען?

אין די גרעסערע שטעדט איז אײַן־געריכטעט אין די רײַכע װאָהנונגען עלעקטרישע בּעלײַכטונג. די לאָמפּען פֿון די בּעלײַכטונג זײַנען זאָגאַר זײער הױך װאו א מענשליכע האַנד קאָן דאָרט ניט דערגרױכען אָן צו צינדען זײ. איז דאָ אין דער נידער ערגעץ װאו געמאַכט א קנאָפּ; און װען מ'גיט א דריק דעם קנאָפּ װערט בּאַלױכטען אַלע לאָמפּען אין דער הױך, װײַל פֿון דעם קנאָפּ ציהט זיך אַ דראָט אין דער הױך צו יענע לאָמפּען און מיט דעם דריק פֿון דעם קנאָפּ װערען זײ אַלע ליכטיג. דאָס זעלבּע איז דער קלאַפּען אין האַרצען, דאָס איז ריכטיג װי מ'גיט אַ דריק דעם עלעקטרישען קנאָפּ, דערפֿון װערען ערװעקט די כּחות הנפש אין דער הױך, װאָס פֿון די האַרץ ציהט זיך צו זײ פֿאַרבּאָרגענע דראָטען, און װען די האַרץ װערט נאָר עטװאָס בּאַװעגט, װערען ליכטיג די אַלע כּחות הנפש און זײ שײַנען גאַנץ הױך.

מיר זעהן אָבּער אַז די עלעקטרישע בּעלײַכטונג לײַכט אױך ניט אַלע מאָהל, דען דערצו מוזען די דראָטען װאָס דורך זײ גײט דורך דער שטראָם פֿון די עלעקטערי זײַן גאַנץ, עס זאָל האָבּען אַ פֿערבּינדונג מיט אַט די לאָמפּען, אָבּער װען די דראָטען זײַנען ניט גאַנץ, דאַן העלפֿט דער דריקען דעם קנאָפּ גאָר ניט, נאָר מ'מוז פֿריהער צו זאַמען בּינדען די דראָטען דער נאָך װעט העלפֿען דער דריקען דעם קנאָפּ, אַז זײ זאָלען בּאַלױכטען װערען.

בּך אַזױ, הײליגע בּרידער! צו ערװעקען און אױף צו לײַכטען אין אונז די כּחות הנפש מוז זײַן די האַרץ צוזאַמען געבּונדען מיט'ן נפש, זײ זאָלען ניט זײַן אָבּגעטײלט אײנע פֿון די אַנדערע, די קאַנאַלען װאָס זײ ציהען זיך פֿון דער האַרץ צום נפש זאָלען זײַן רײן און גאַנץ. אָבּער װען די האַרץ איז ניט רײן, די פֿערבּינדונג

פתיחה

איז ניט גאַנץ, די קאַנאַלען וואָס פֿערבינדען זיי בײדע זײנען איבער־
געריסען, דאַן קאָן גאָר ניט העלפֿען דער קלאַפּען אין האַרצען. אַלזאָ
הײליגע ברידער! מיר מוזען פֿריהער די האַרץ רײן מאַכען פֿון
שמוץ, מיר מוזען פֿאַרטרײבען די מחשבות זרות, די שלעכטע
געדאַנקען וואָס דער מענש האָט זיך מיט זיי אָן געזאַפּט דעם
גאַנצען יאָהר, דורך ניט ערליכע מעשים, דורך ניט ערליכע טראַכ־
טונגען, וואָס דאַדורך איז אָבגעריסען געוואָרען די פֿעדים וואָס
פֿאַרבינדען די האַרץ מיטען נפש, און באַשליסען זיך אַז בײ די
הײליגע טעג ניט צו צולאָזען קײן שלעכטע מחשבה צום האַרצען,
דאַן וועט זי קאָנען ווערען אויפֿגעוועקט און באַוועגען איהרע ווײנע
געפֿיהלען, און דאַן וועט קאָנען בעלויכטען ווערען די כחות הנפש,
ווי דער נביא האָט געזאָגט, „נשא לבבנו אל כפים אל אל בשמים".
לאָמיר אויפֿהויבען אונזער האַרץ צו די הענט. ווען מ'קלאַפּט זיך אין
האַרצען מיט די הענט איז דער מײן אַז די האַרץ זאָל מען אויפֿ־
הויבען צו די הענט, ד"ה די האַרץ זאָל מען בעוועגען און באַ־
טראַכטען וואָס מירעט, דאַן איז: „אל אל בשמים" צו גאָט ב"ה אין
הימעל. און מיר דאַרפֿען בעטען „לב טהור ברא לי אלקים", השי"ת
זאָל אונז באַשאַפֿען אַ רײנע האַרץ, מיר זאָגען די ווידוים און דעם
„אבינו מלכנו" זאָגען מיט אַ וואַרעמע האַרץ, און ניט זאַלעוויען
דערבײ אַביסל וואַרעמע טרעהרען דאַן וועט ווירקען אונזער נעבע...,
און מיר וועלען נעענטפֿערט ווערען מיט אַ גוט יאָהר, מיט אַ כתיבה
וחתימה טובה, אמן.

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ חָטָאנוּ לְפָנֶיךָ:

אונזער פאטער אונזער קעניג מיר האבען געזינדיגט פאר דיר.

אין אַ שטאָדט איז געוועזען איינער אַ מענש אַ טישעל־שפּילער דאָס איז אַזאַ טישעל וואָס עס שטייט אויף איהם אָנגעשטעלט פערשידענע כלים, און אַז מ׳גיט אַ דריי אַ רעדעל פאַלט אויף אַ כלי עלכער איינער געווינט דאָס) און אין אַ דערבייאיגע שטעטיל האָט גע־דאַרפט זיין אַ יריד (יאַרמאַרק) האָט דער פּריסטאַוו געשיקט רופען דעם טישעל־שפּילער און האָט איהם פאַרזאָגט אַז ער זאָל ניט פאָרען אויפ׳ן יריד מיט זיין שפּיל־טישעל, וואָרום דערמיט באַטריגט מען מענשען און מען צאַפּט אַרויס פון זיי די לעצטע קאָפּיקעס. יענער האָט אָבער ניט געפאָלגט און איז דאָך געפאָרען, דער פּריסטאַוו קומט אויפ׳ן יריד און געפינט איהם דאָרט, פרעגט ער איהם: ווי אַזוי האָסטו זיך ערלויבט צו פאָרען אויפ׳ן יריד ניט לויט מיין פאַרזאָג? איך האָב דאָך דיר פאַרזאָגט אַז דו זאָלסט ניט פאָרען מיט דיין שפּיל־טישעל, ענטפערט איהם יענער: איך האָב ניט געוואוסט אַז דו וועסט אויך קומען אויפ׳ן יריד, ווען איך וואָלט געוואוסט וואָלט איך ניט געפאָרען. נאָכהער האָט ער אָבער געשפּילט אין געגענוואַרט פון פּריסטאַוו, איז דער פּריסטאַוו אין כעס געוואָרען און האָט איהם שטאַרק באַשטראָפט. שטייטש — זאָגט ער — ווי אַזוי קאָנסטו דאָס האָבען אַ העזה אין מיין געגענוואַרט צו שפּילען און ניט האַלטען מיין פאַרזאָג פאַר מיינע אויגען!!

מיר זיינען אויך טישעל־שפּילער צו דעם אַט ! היילינגע אידען דרייט ער ? טאָג גאַנצען דעם מענש אַ טוהט וואָס דען. גליק די וואָס ער בוי״ת פון ווילען דעם געגען לייטען באַטריגט און רעדל נאַרען ניט מ׳זאָל „לא תונו איש את עמיתו״. פאַרזאָגט: אונז האָט ובוי״ת דער אַז דיינקען מיר און צווייטען, דעם איינער שטייט בוי״ת דער אַז ווייסען אָבער דאַרפען מיר ניט, דאָס זעהט המלך דוד ווי מעשים, אונזערע צו צו זיך זעהט און אונז איבער

ע״ה זאָגט אין תהלים קל״ט: „אנא אלך מרוחך ואנא מפניך אברח, אם אסק שמים שם אתה ואציעה שאול הנך״. וואו קאָן איך זיך פון דיר באַהאַלטען און וואו קאָן איך פון דיר אַנטלויפען, איך זאָל אַרויף געהן אויפ׳ן הימעל ביזטו דאָך דאָרטען, און אויב איך זאָל מיר מאַכען אַנידעריגער אונטער דער ערד ביסטו דאָך דאָרטען אויך דאָ, און ווי עס שטעהט געשריבען (ירמי׳ כ״ג): „אם יסתר איש במסתרים ואנכי לא אראנו״. קאָן זיך דען אַ מענש באַהאַלטען אין אַ באַהעלטעניש און איך זאָל איהם ניט זעהען. דערום זאָגען מיר „חטאנו לפניך״ מיר האָבען געזינדיגט פאַר דיר, אין דיין געגענוואַרט איז די זינד זייער גרויס.

ווען איינער זינדיגט דאַרף באַרעכענט ווערען פאַר ווען ער האָט געזינדיגט. ווען די זינד איז פאַר אַ גרויסען מאַן, רעכענט זיך אַפילו אַקליינע זינד אויך פאַר אַ גרויסע. חטא איז אַשוגג. ד. ה. אַנ׳עבירה וואָס מ׳טוט אומגערען, אָבער דאָך פאַר׳ן רבש״ע מוז אַ מענש זיין אָב געהיט אַפילו אומגערען אויך ניט זינדיגען. דערום זאָגען מיר חטאנו, חאָטשי מיר האָבען געזינדיגט אומגערן, אָבער לפניך, מיר האָבען דאָך געזינדיגט פאַר דיר. נאָך דיין גרויסקייט ווערט דאָס גערעכענט פאַר אַשטאַרקע זינד.

אין גמרא קדושין (דף ל״ו) געפינען מיר אַ מחלוקת פון תנאים „בנים אתם לה׳ אלקיכם, בזמן שאתם נוהגים מנהג בנים אתם קרוים בנים אין אתם נוהגים מנהג בנים אין אתם קרוים בנים דברי ר׳ יהודה״ ווען איהר פיהרט זיך ווי קינדער זייט איהר גערעכענט פאַר קינדער ביי דעם בוית״ש. און ווען איהר פירט זיך ניט ווי קינדער זייט איהר ניט גערעכענט פאַר קיין קינדער (נאָר פאַר קנעכט. ב״ב דף י׳) אַזוי האַלט ר׳ יהודה. „ר׳ מאיר אומר בין כך ובין כך אתם קרוים בנים״ ר׳ מאיר האַלט אָבער אַז אפילו ווען אידען פיהרען זיך ניט ווי קינדער ווערען זיי אויך אָנגערופען קינדער ביים בוי״ת. היינט ווי באַלד אַז מיר האָבען געזינדיגט זיינען מיר נאָך דער דעה פון ר׳ יהודה ניט גערעכענט פאַר קינדער, קאָנען מיר דעם בוי״ת ניט אָנרופען פאָטער נאָר „מלך״ קעניג, און נאָך ר׳ מאיר׳ן נאָך קאָנען מיר איהם יאָ אָנרופען פאָטער, דערום בעטען מיר „אבינו״ אונזער פאָטער (נאָך ר׳ מאיר׳ן) „מלכנו״ אונזער קעניג (נאָך ר׳ יהודה׳ן) חטאנו לפניך.

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ אֵין לָנוּ מֶלֶךְ אֶלָּא אָתָּה:

אונזער פאטער אונזער קעניג מיר האבען ניט קיין קעניג נור דיר.

עס האט אמאל פאסירט אין א קעניגרייך אז די אנפיהרער פון די זעלנער, די אפיצירען האבען מורד געווען אן זייער קעניג און דורך זייער מרידה האבען זיי פארפיהרט די פראסטע זעלנער אויך, ווייל זיי האבען געמיינט אז זיי, די אפיצערען, זיינען זייערע העכסטע בעאמטע (גלאוונע נאצאלניקעס) און זיי מוזען זיי אלעס פאלגען וואס זיי זאגען זיי און וואס זיי הייסען זיי טאן; נאכהער האבען זיי זיך אבער ארום געזעהן אז זיי זיינען פארפיהרט געווארען, אויך זייער געהאלט וואס זיי באקומען פון קעניג האבען זיי שוין מער ניט באקומען און עס שטייט זיי פאר צו ליידען הונגער און נויט אויב זיי וועלען זיך ווייטער אזוי פיהרען. דאן האט זיך אוועק געשטעלט איינער פון זיי און האט זיי אנגעהויבען צו ערקלערען: איהר זאלט וויסען ברידער אז מיר בלאנדזען, מיר זיינען פארפיהרט! אמת טאקע, מיר דארפען פאלגען אונזערע עלטסטע, דאס איז אבער גאר דאן ווען זיי זיינען אליין מריי דעם קעניג, אבער ווי באלד אז די עלטסטע האבען פארלארען זייער טריי־הייט צום קעניג, דאן דארפען די זעלנער זיי ניט פאלגען, דען די גרויסקייט פון די עלטסטע איז נאר ווייל דער קעניג האט זיי דעם מאכט געגעבען, אבער ווי באלד אז זיי האבען אין קעניג ווידער גישפעניגט איז זייער מאכט וואס דער קעניג האט זיי געגעבען בטל געווארען. און אין דעם פאל דארפען די זעלנער בלייבען טריי דעם קעניג און ניט קוקען וואס די עלטסטע הייסען זיי טאהן קעגען דעם ווילען פון קעניג. די זעלנער ווי גלייך זיי האבען זיך ארומגעזעהן זייער טעות, זיינען זיי געלאפען גלייך צום קעניג און האבען איהם ערקלערט אז די עלטסטע האבען זיי אראבגעפירט פון וועג און פון היינט אן נעהמען זיי אויף זיך צו זיין טריי זייער קעניג, דען די מאכט פון דער כלובה איז נאר אין זיין האנט און די איבריגע זיינען נאר דעם קעניגס דינער.

כה הייליגע אידען! מיר האבען פארבלאנדזעט פון דעם אויבערשטענס וועגען דורך אונזערע עלטסטע וואס האבען אונז פאר־פיהרט, דאס איז די אויגען מיט די הארץ, ווי די גמרא זאגט:

„עינא ולבא תרי סרסורי דחטאה אינון", די אויגען מיט די הארצן זיינען צוויי פֿאַרפֿיהרער צו דער עבירה. זיי זיינען אונזערע פֿיהרער און אונזערע פֿאַרפֿיהרער פֿון דעם גוטען וועג צו גיין אין אַשלעכטע וועג, און דורך זיי האָבען מיר אַראָבגעוואָרפֿען פֿון זיך דעם קעניגליכען יאָך און דאַריבער האָט אונז געטראָפֿען אַלע שלעכטעס. יעדער איד ווייס דאָך ווי ווייט ער איז געיאָגט און געפּלאָגט פֿון אַנדערע פֿעלקער, ווי ווייט ער איז עלענד, איין שעפּסעלע צווישען זיבעציג וועלף און אַלע האַלטען אויסגעשטעלט די אויגען אויף איהר צו רייסען זי. עס איז פֿאַר שלאָסען פֿאַר אונז אַלע טויערען פֿון פּרנסה. מען ערקענט אונז ניט אַלעס מענשען. עס זיינען געגרינדעט געוואָרען חברות „צער בעלי חיים" וואָס האָבען רחמנות אויף בהמות און אויף דעם אידען איז קיין רחמנות ניטאָ. אַלע שקרים, אַלע בלבולים וואַרפֿט מען נאָר אַרויף אויף דעם אידען. און מיר האָבען ניט צו וועמען זיך ווענדען צו הילף נאָר צום בוית"ש, אָבער יעצט אַז מיר האָבען דערקאָנט אונזער טעות קעהרען מיר זיך צוריק צו דעם בוי"ת און מיר זיינען זיך מתודה פֿאַר איהם אַז מיר האָבען פֿאַרבלאָנדזעט פֿון זיינע וועגען און מיר זיינען נאָכגעגאַנגען נאָך אונזערע אויגען און נאָך די תאוה פֿון אונזער הארצען. אמת דער בוי"ת האָט זיי געגעבען דעם מאַכט אַז זיי זאָלען זיין די פֿיהרער פֿון מענשען, אָבער מיר דאַרפֿען זיי פֿאָלגען נאָר אין דעם פֿאַל ווען זיי פֿיהרען אונז אין די וועגען פֿון בוית"ש, אָבער ווען זיי פֿיהרען אונז אַראָב פֿון וועג דאַן דאַרפֿען מיר זיי ניט פֿאָלגען, ווי עס שטייט געשריבען אין דער הייליגער תורה: „ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם" איהר זאָלט ניט אויסקוקען נאָך אייערע הערצער און נאָך אייערע אויגען.

ווען אַזעלנער אַנטלויפֿט פֿון דינסט, האָטשי ער האָט שוין בעשלאָסען ביי זיך צוריק אומצוקעהרען זיך אין זיין לאַגער. דאָך איז ער ניט זיכער אַז ער וועט זיין באַפֿרייט פֿון אַשטראָף, אָבער ווען דער זעלנער איז אַפֿריינד פֿון דעם קעניג קאָן ער שוין גיכער זיכער זיין אַז דער קעניג וועט איהם מוחל זיין און וועט איהם בעפֿרייען פֿון יעדער שטראָף. ווער רעדט נאָך אַז ער איז זיינער אַ זון דאַן איז ער געוויס פֿערזיכערט אַז ער וועט ווערען בעפֿרייט פֿון די קלענסטע שטראָף. דאָס זעלבע איז מיט אונז הייליגע אידען,

זוי באלד אז דער בוי״ת איז אונזער קעניג און אונזער פאטער, אויף דעם פערזינדיגען מיר זיך, אז ווען מיר וועלען זיך צוריק אומקעהרען צו איהם, וועלען מיר ווערען בעפרייט פון יעדען מינדסטען שטראף, דערום בעטען מיר! אבינו מלכנו אין לנו מלך אלא אתה.

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ עֲשֵׂה עִמָּנוּ לְמַעַן שְׁמֶךָ:

אונזער פאטער אונזער קעניג, טו גוטעס מיט אונז פון וועגען דיין נאמען.

אין אשטאט איז געוועזען איינערמייסטער א אויסנאם, זייער א גרויסער קינסטלער פון זיינערס, זיינע זייגערס זיינען געוועזען זייער שיין געארבייט און זייער קינסטליך. קיינער האט אבער פון איהם ניט געוואוסט, זיין נאמען איז אין דער וועלט ניט געוועזען בערופען. אמאל איז געקומען צו איהם א רייזענדער און ער האט געזעהן זיינע קינסטליכע ארבייט, זיינע וואונדערבארע זייגערס וואס ער האט זעלבסט געמאכט, האט ער זייער בעדויערט וואס אזא קינסטלער מיט אזעלכע וואונדערבארע ארבייט איז אויף דער וועלט ניט בעוואוסט. ער האט בעדויערט וואס די מענשען פערשטייען ניט און ווייסען ניט צו שעצען זיין ארבייט. דער רייזענדער ווי ער איז ארומגעפאהרען אויף דער וועלט האט ער אומעטום דערציילט פון דעם גרויסען קינסטלער, פון זיינע שיינע פראכטפאלע ארבייט, און ער האט זיין נאמען געמאכט פאפולער אויף דער וועלט, מ׳האט זיך צו איהם אקעהר געטאן און מ׳האט אנגעפאנגען קויפען זיינע סחורה, מ׳האט אנגעפאנגען צאהלען פאר זיי גוטע פרייזען, זיינע זייגערס האבען זיך אנגעהויבען אריינדרינגען בחצרות מלכים ושרים, זיי האבען זיך געפונען אין די קייזערליכע פאלאצען, הגם די סחורה האבען זיי אויסגעשריבען דורך א צווייטע האנד, דער פארדינסט איז ניט געוועזען אזוי גרויס, ווייל מ׳האט זיך מיט באשטעלונגען ניט געווענדעט צו דעם גרויסען מייסטער אליין, אבער דאך איז דער מייסטער געוועזען צופרידען וואס זיינע סחורה גייט אויף דער וועלט. זמאהל איז געקומען צו איהם דער זעלבער רייזענדער און האט איהם

נעבעטען ער זאָל איהם פעררִיכטען זיינעם אַ צובראָכענעם זייגער.
ענטפערט איהם דער מייסטער: ווי קאָנסטו דאָס פערלאַנגען פון מיר
אַז איך, וואָס מיינע אַרבייט גייט אָן אין קייזערליכע וואוינונגען,
זאָל איך דיר דיין צובראָכענעם זייגער פאַררִיכטען? ענטפערט איהם
דער רייזענדער: יאָ, איך האָב דאָס רעכט צו פערלאַנגען פון דיר.
ווייל ווער האָט געמאַכט אַז דיינע אַרבייט זאָל האָבען אַזאַ נאָמען
אויף דער וועלט, ווען ניט איך? ווער האָט דיך מפרסם געווען אַז
דיינע סחורה זאָל האָבען אַזאַ גרויסען אָבגאַנג? נאָר איך, וואָס איך
רייז אַרום די וועלט און וואו איך קום דערצייל איך פון דיינע
וואונדערבאַרע אַרבייט. און ווען דו וועסט מיר מיין צובראָכענעם
זייגער פאַררִיכטען וועל איך דיין נאָמען נאָך מעהר מאַכען בעקאַנט
אויף דער וועלט, אַז מ'זאָל זיך ווענדען מיט די בעשטעלונגען גלייך
צו דיר, ניט דורך אַ צווייטע האַנד, וועט זיין דיין פער-
דינסט גרעסער.

די הייליגע גמרא זאָגט: „לא נתפזרו ישראל לבין האומות
אלא כדי שיתוספו עליהם גרים", די אידען זיינען נאָר צושפּרייט
געוואָרען צווישען די פעלקער כדי עס זאָל צוקומען צו זיי גרים,
איז דאָס יתכן אַז צוליב עטליכע גרים וואָס וועלען צוקומען אין די
הונדערטער יאָהרען זאָלען אידען דאַרפען אַזוי לאַנג אַרומוואַלגערען
זיך? נאָר די כונה פון דער גמרא איז ניט די גוים זאָלען זיך מגייר
זיין, נאָר די אַלע פעלקער וואָס צווישען זיי געפינען זיך אידען
זאָלען דערקענען זיין הייליגען נאָמען. ווי מיר זעהען דאָס פּראַקטיש,
דאָס אין אַלע לענדער וואו אידען זיינען פערוואָגעלט געוואָרען ווייס
מען אַז עס איז דאָ אַ בעשעפער אויף דער וועלט. ווייל אידען האָ-
בען מפרסם געווען זיין נאָמען און זיינע וואונדערבאַרע מעשים. הגם
זיי זיינען מצרף צו איהם נאָך אַ קראַפט, און קויפען ניט זיינע
סחורה דירעקט פון זיין האַנד, דאָך איז ער צופרידען וואָס זיין היי-
ליגער נאָמען איז בעוואוסט אויף דער וועלט. און מיר האָפען אַז
אויף ווייטער וועלען מיר זיין נאָמען נאָך מעהר מאַכען וויסען אַז
מ'וועט די סחורה זיינע אויסשרייבען גלייך פון זיין האַנד אָהן אַ
פערמיטלער, „ויקבלו כלם את עול מלכותך". אַלזאָ קאָנען מיר
דרייסט קומען צום רבש"ע בעטען איהם ער זאָל מיט אונז גוטעס
טאָן און זאָל אונז פאַררִיכטען אונזערע צובראָכענע קערפּערס,
ער זאָל אויפבויען אונזער צובראָכענע פאָלק ישראל פון זיין נאָמען
וועגען. ווייל מיר מיט אונזער וואַנדערען אויף דער וועלט זיינען מיר

מפרסם זיין נאמען אויף דער גרויסער וועלט. דען דורך אונז האבען די אומות העולם דערקאנט זיין גאטהייט.

מיר זעלבסט אבער, האבען זיך מיחס געווען צום בוית בעפאר זיין נאמען איז געווארען פאפולער אויף דער וועלט, און מיר זיינען געווען גערופען ביי איהם קינדער, ווי דער פסוק זאגט: „בני בכורי ישראל". און דאס איז געווען נאך איידער די אומות העולם האבען דערקאנט זיין גאטהייט, און נאכהער איז זיין קעניגרייך געווארען פאפולער אויף דער וועלט דורך אונז אידען, דערום זיינען מיר כולל אין אונזער תפלה: „אבינו מלכנו עשה עמנו למען שמך".

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ חַדֵּשׁ עָלֵינוּ שָׁנָה טוֹבָה.

אונזער פאטער אונזער קעניג בענייי אונז א גוט יאהר.

ווען איינער אשכן, וואס עס האט זיך געענדיגט זיין קאנטראקט פון זיין דירה קלייבט זיך איבער אין א צווייטער דירה. אויב דער שכן איז א רייכער מאן מאכט מען וועגען איהם קיין חקירות ודרישת ניט. דען ווי עס קומט דער נייער יאהר באצאהלט ער מיט אמאל די דירה געלט און מיגיט איהם ארויס א קאנטראקט אויפ'ן גאנצען יאהר. אבער ווען דער שכן איז אנ'ארעמאן דא מאכט מען שוין וועגען איהם א גאנצע חקירה ודרישה אויב ער איז צאלבאר, אויב ער האט בעצאהלט דירה געלט פאר'ן פערגאנגענעם יאהר, אויב ער האט ביכולת צו צאלען ווייטער. אלזא וואס דארף דער ארעמער שכן טאן? ער דארף זיך צוגרייטען מיט א חודש צייט פריער, אנשטריינגען זיך מיט אלע קרעפטען צו בעצאלען דירה געלט פאר'ן פאריגען יאהר און געבען עטוואס האנדגעלט אויפ'ן קומענדען יאהר.

הייליגע ברידער! איצט קומט פאר דער נייער יאהר. „ראש השנה" יעדער מענש בייט זיך איבער אין א נייער דירה — פון דעם אלטען יאהר אין דעם נייעם יאהר! ער מאכט א נייעם קאנטראקט, א נייעם „זכרנו לחיים"! די רייכע, ד"ה די צדיקים, וועגען זיי מאכט מען קיין שום חקירה ודרישה ניט, מ'שרייבט זיי באלד אונטער זייער קאנטראקט, זייער „זכרנו לחיים". (צדיקים גמורים נכתבין ונחתמין

מיר זיינען דאך ארעי-
לאלתר לחיים)". אבער וואס דארפען מיר טאן? מיר זיינען דאך ארעי
מע שכנים און מיר האבען נאך ניט בעצאהלט די דירה-געלט פאר'ן
פארינגען יאהר, אלזא מוזען מיר זיך צוגרייטען א חדש פריהער און
אנוועגדען קרעפטען צו בעצאלען די דירה געלט פאר'ן פארינגען יאר, אויף
דערויף האט מען אונז געגעבען דעם חדש אלול, בכדי אז אין דעם
חדש זאלען מיר זיך פארברייטען צו בעצאהלען וואס מיר זיינען גוי-
בליבען שולדיג פון דעם פארינגען יאהר, און צוגרייטען פיעל זים
אין מעשים טובים עס זאל זיין אלס האנדגעלט צו געבען אויפ'ן
קומענדען יאהר.

ווי איז נאך אז דער שכן האט אין דער אלטער דירה געמאכט
שארענס, מוז ער פריהער באצאלען די שארענס וואס ער האט
געמאכט. ווען ניט וועט מען איהם אין דער נייער דירה ניט ארייני-
לאזען. דאסזעלבע איז מיט אונז הייליגע אידען! מיר ווייסען דאך
אליין פיעל שארענס מיר האבען געמאכט אין אלטען יאהר! פיעל
לאוין האבען מיר עובר געווען! פיעל לשון הרע און רכילות האבען
מיר גערעט! פיעל שבתים האבען מיר מחלל געווען! אלזא דאר-
פען מיר איצט נעמען אויף זיך צו פארריכטען דאס, בכדי מ'זאל
אונז ארייגלאזען אין דער נייער דירה, מ'זאל אונז שרייבען א נייעם
יאהר צו לעבען.

ווי איז נאך אז דער שכן באקלאגט זיך אויף דער אלטע
דירה אז זי האט געהאט פעהלערן: זי האט גערויכערט, אדער זי
איז געווען אקאלטע, אדער זי איז געווען אטשארנע דירה, און ער
וויל אז די נייע דירה זאל זיין א בעקוועמערע, זי זאל ניט האבען די
אלע פעהלערן וואס די אלטע דירה האט געהאט, מוז ער דאך געווים
שטארען זיך באצאהלען די אלטע דירה געלט.

כך הייליגע ברידער! דער פארינגער יאהר איז געווען א דירה
פול מיט פעהלערן! זי איז געווען פול מיט רויך! וויפיל אידישע
שטעט זיינען פערברענט געווארען דעם יאהר און די מענשען זיינען
געבליבען ליגען אונטערן בלויזען הימעל אויפ'ן רעגען און געפרוירען
פון קעלט! עס איז געווען א טשארנע דירה מיט קאפויטאג, ווייל
עס איז קיין פרנסה ניט געווען! לכן דארפען מיר זיך שטארען צו
באצאלען דירה געלט, טאן תשובה אויף אונזערע זינד און טאן
גמילות חסדים און געבען צדקה ארעמע לייט.

די תשובה וואס א מענש דארף טאן, דארף זיין סיי אויף די
זינד וואס אנבעלאנגט פון איהם צום בוי"ת, וואס ער האט ווידער-

געשפעניגט קעגען איהם און האט ניט געטאן זיין פערבאט. דאן ווען ער טוט תשובה און נעמט אויף זיך צו פאלגען אלע זיינע פארבאטען ווערט ער אן גערופען א זון. אויך דארף זיין די תשובה אויף די זינד וואס עס איז אנבעלאנגט פון איהם צו א צווייטען מענשען, וואס ער האט דעם צווייטען גע'גזל'ט, געראבירט, אדער ער האט אבגענארט יענעם. און ווען ער טוט תשובה צו השי"ת און קעהרט אום וואס ער האט פון וועמען גע'גזל'ט, געראבירט, דאן ווערט דער בוי"ת גערופען ביי איהם מלך, דען דאס איז דער פליכט פון א קעניג אויף צו פאסען דעם נאראד אז מ'זאל איינער דעם צווייטען ניט בעטריגען און די מענשען זאלען בעהאנדל'ען איינער דעם צווייטען ארענטליך. דערום בעטען מיר, „אבינו מלכנו" (ד"ה מיר טוען תשובה סיי אין וואס עס איז אנבעלאנגט פון אונז צום בוי"ת און סיי אויף וואס עס איז אנבעלאנגט פון איינעם צום צווייטען. דערום) „חדש עלינו שנה טובה".

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ בַּטֵּל מֵעָלֵינוּ כָּל גְּזֵרוֹת קָשׁוֹת:

אוּנְזֶער פָּאטֶער אוּנְזֶער קֶענִיג זַיי מְבַטֵּל פוּן אוּנְז אַלֶע שְׁווֶערֶע גְזֵירוֹת.

עס האט אמאהל פאסירט אין א שטאט, מ'האט איינעם אמענשען געכאפט און אריין געפיהרט אין א הויז און שטארק געשלאגען, ער איז געלעגען עטליכע וואכען קראנק. נאכהער ווען ער איז געווארען געזונד האט ער פארקלאגט די מענשען וואס האבען איהם געשלאגען אין געריכט און מ'האט זיי צו געמשפט איהם צו באצאלען א גרויסע סומע געלט, ער איז געווען זייער צופרידען, דאך בשעת ער האט געליטען פון די קלעפ איז איהם געווען שווער צו פארטראגען און איז געוועזן שטארק אום-צופרידען, ער האט גערעכענט אז מ'וועט איהם נאכהער פאר אלץ באצאלען. דאס זעלבע איז געווען מיט אונז אידען אין מצרים. מ'האט מיט אונז שווער געארבייט בחמר ובלבנים, מיט אלע שווערע ארבייט אין שטוב און אין פעלד. אמת מ'האט אונז גוט

באַפרידיגט, מיר זײַנען אַרויסגעגאַנגען ברכוש גדול, דאָך בשעת
מ'האָט מיט אונז געאַרבייט איז געווען שווער צו פאַרטראָגען, ווי
עס שטייט געשריבען: „ויאנחו בני ישראל מן העבודה ויזעקו". די
אידען האָבען געזיפצעט פון די שווערע ארבייט און האָבען געשריען.
דאָס זעלבע וועט זײַן מיט אונז אויך איצט, מיר זײַנען זיכער אַז
פאַר אַלע גזרות וואָס מ'מאַכט אויף אונז אידען וועלען מיר זײַן גוט
באַלוינט, דאָך איז איצט שווער צו לײַדען ·

דער אונטערשייד פון „גזרות קשות" און „גזרות רעות",
שווערע גזרות צו שלעכטע גזרות: גזרות רעות זײַנען שלעכטע
בעצם, גזרות קשות זײַנען בעצם ניט שלעכט, עס איז נאָר שווער
צו פאַרטראָגען, ווען מען גיט, צום בײַ-שפּיעל, אַ מענשען צום
עסען אַלטע פלייש, אָדער פאַרדאָרבענע פלייש פון אַ קראַנקע בהמה,
ער פאַרדאַרבט דעם מאָגען, ער קאָן דערפון קראַנק ווערען און
אַרײַנפאַלען אין אַ געפאַהר. דאָס הייסט שלעכטע פלייש. ווען
מ'גיט איהם אָבער האַרטע פלייש, עס איז איהם שווער צו קײַען,
אָבער דאָס איז פרישע פון אַ געזונטע בהמה, קאָן דאָס ניט
הייסען שלעכטע, נאָר דאָס איז האַרטע פלייש. דאָס זעלבע איז דאָ
„גזרות קשות" שווערע גזרות, און „גזרות רעות" שלעכטע גזרות, די
גזרות וואָס מ'איז גוזר אויף אונז אין רוחניות. אין מאָראַל, דהיינו:
ווען מ'איז גוזר אויף אונז מ'זאָל מחלל שבת זײַן, מ'זאָל עובר זײַן
אויף אַ מצוה פון דער תורה, דאָס איז „גזרות רעות" שלעכטע גזרות,
דען דאָס איז ווירקליך שלעכט. ווען אָבער מ'איז גוזר אויף אונז
גזרות אין גשמיות, אין קערפּערליכע זאַכען, דאָס קאָן מען ניט
רופען בהחלט אַז דאָס איז שלעכט, דען עס קאָן זײַן אַז דערפון
וועט נאָר אַרויסקומען די גרעסטע טובה, ווי די גמרא זאָגט: „כל
מה דעביד רחמנא לטב עביד". וואָס דער בוי"ת טוט, טוט ער
אַלעם צו גוטען, ווען מ'איז גוזר ר"ל אויף אַ מענשען גירוש,
מ'זאָל איהם אַרויסטרײַבען פון זײַן אָרט, דאָס איז אַ שווערע גזרה,
עס איז שווער אַריבער צו טראָגען, אָבער אַמאָהל קאָן נאָר טרע-
פען אַז אין דעם נײַעם אָרט וואָס ער באַזעצט זיך געפינט ער
גראָדע דאָרטען זײַן גליק, נאָר ווײַל דער מענש ווייס דאָך ניט וואָס
די צוקונפט וועט זײַן איז איהם דאָס שווער אַריבער צו טראָגען.

מיר אידען לײַדען פון די שווערע גזרות אין צווייען, סײַ
אין גשמיות וואָס עס איז שווער צו לײַדען, און סײַ אין רוחניות,
ווי די גמרא זאָגט: „עניות מעברת את האדם על דעתו ועל דעת

שלמה המלך ע״ה האָט געבעטען: „ראש ועושר אל תתן לי וגו׳ ופן אורש ונגנבתי ותפשתי שם אלקי״ (משלי ל׳). קיין אָרעמקייט און קיין רייכקייט זאָלסטו מיר ניט געבען, דען ווען איך וועל זיין אָרעם וועל איך גנב׳נן און שווערען פאַלש, און עס שטייט אויך אין שלחן ערוך: ת״ח אל יתענה מפני שמבטל ממלאכת שמים״. א תלמיד חכם טאָר ניט פאַסטען קיין איבריגען תענית ווייל צו ליב דעם וואָס ער וועט פאַסטען וועט ער זיין שוואַך און וועט ניט קאָנען לערנען און דינען דעם בוי״ת, אויף דערויף בעטען מיר: „אבינו״ אונזער פאָטער, מצד וואָס מיר ליידען אין קערפערליכע זאַכען (רופען מיר איהם אַן פאָטער) „מלכנו״ אונזער קעניג, מצד וואָס מיר ליידען אין גייסטליכע זאַכען און מיר קאָנען איהם ניט דינען ווי עס געהער צו זיין (רופען מיר איהם אָן קעניג). „בטל מעלינו כל גזרות קשות״. זיי מבטל פון אונז אלע שווערע גזרות.

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ בַּטֵּל מַחְשְׁבוֹת שׂוֹנְאֵינוּ:

אוּנְזֶער פָאטֶער אוּנְזֶער קֶענִיג, פַארְנִיכְטֶע דִי פְּלֶענֶער פוּן אוּנְזֶערֶע פַיינְד.

עס האָט א מאָל פאַסירט אין א מדינה אז דער מיניסטאָרען ראַט האָט אויסגעאַרבייט א פראָיעקט זייער אַ שלעכטען פאַר דער מדינה, עס איז שוין געווען אַלעם פאַרטיג עס האָט נאָר געפעלט דער אונטערשריפט פון קעניג. מ׳האָט דעם פראָיעקט אַוועק געטראָגען צום קעניג אונטערשרייבען, דער קעניג איז אָבער געווען זייער א גוטער מענש, א מלך של חסד, האָט ער דעם פראָיעקט ניט אונטערגעשריבען. זיי האָבען דעם פראָיעקט גענומען צוריק און האָבען איהם אריינגעלייגט אין ארחיוו, דער קעניג האָט זיך דערפון דער וואוסט אז דעם פראָיעקט האָט מען אוועקגעלייגט אין אַרחיוו האָט ער זיך באַרעכענט: עס קען דאָך אמאָהל זיין אז עס וועט אויפשטיין אנאנדער קעניג וואָס ער וועט ניט זיין אזא גוטער מענש ווי ער און ער וועט געפינען דעם

פראיעקט אפארטיגען וועט ער איהם דאן פארווירקליכען, האט ער געוואלט פאר-ווארענען אז עס זאל דערפון ניט ארויסקומען קיין מכשול, קיין אונאנגענעהמקייט פאר דער מדינה, וואס זי איז ביי איהם אזוי באליעבט, האט ער נעגעבען אבעפעהל אז מ'זאל דעם פראיעקט ארויסנעמען פון ארחיוו און מ'זאל אין גאנצען פארניכטען איהם.

א שונא ווערט אנגערופען דער וואס ער האלט זיין שנאה אינעווייניג אין געדאנקען, און גיט זי ניט ארויס. דער פארבארגען שונא גיט ניט קיין עצות וואס זיי זאלען זיין פארען אויג שלעכט, ער גיט נור עצות וואס די עס זאל זיך ארויסווייזען זיין פיינדשאפט. עס זאל זיך ניט ארויסזעהן שלעכטעס פון זיי זאל זיין פאר באהאלטען. עס זאל זיך ניט ארויסזעהן די שלעכטקייט פון אויבען אויף. אבער זיין ציעל איז נאר צו טאן שלעכטעס מיט דעם פאל אז מ'זאל זיי ניט דער קאנען, אזעלכע שלעכטע גזרות האבען מיר אידען אויף זיך גאנץ גענוג, מ'מאכט א גזרה אויף אידישע שחיטה, למשל, די מענשען וואס מאכען אזעלכע גזרות שטעלען זיך ארויס מכלומרשט פאר אידישע גוטע פריינד. זיי זאגען נאר אז זיי זיינען „צער בעלי חיים"ניקעס, זיי האבען רחמנות אויף דער בהמה אז זי זאל ניט ליידען קיין פיל יסורים ווען מען שעכט איהר, און זיי טוען אב זייערע ארבייט אויף דעם חשבון פון זייערע רחמנות אויף די בעלי חיים, הגם דער-מיט ווייזען זיי ארויס די גרעסטע אכזריות אויף מענשען גלייך מיט זיי, דען טויזענדער אידען וועלען ניט קאנען פארזוכען קיין ביסען פלייש. דאס זעלבע ווען מען גיט ארויס א גזרה צו האלטען דעם גאנצען טאג זונטאג פאר מאכט די קראמען, זאגען זיי אז זיי טוען דאס פון פרומקייט וועגען, אבער זייער אינערליכע כוונה איז צו דריקען דעם אידען אין צווייען, הן אין גשמיות הן אין רוחניות. ווען די אידען וועלען פון זייער שחיטה ניט עסען אדער זיי וועלען זייערע קראמען האלטען פארמאכט שבת און זונטאג דעם גאנצען טאג וועלען זיי זיין געדריקט מאטריעליש. און אויב אז עס וועלען זיך געפינען אזעלכע וואס וועלען ניט קאנען די גזרה אריבערטראגען און וועלען ניט היטען דעם אידישען דין, זיי וועלען עסען מבשר פגולם, די טריפה פלייש זייערע, אדער צו ליב די גזרה פון זונטאג וועלען זיי זיין געדריקט צו האלטען שבת אפען זייערע רוהע וועלען זיי זיין געדריקט מאראליש. דערום בעטען מיר געשעפטען, דאן זיינען זיי געדריקט מאראליש. דערום בעטען מיר דעם בורא. „אבינו אונזער פאטער, אלעם פאטער דארפסטו זעהן

אז דער קינד זאל ניט זיין געדריקט אין גשמיות, דען דער גוף איז דאך דיינער, ווי מיר זאגען אין סליחות. „הנשמה לך" די זעללע איז פאר דיר, צו טאן דיין רצון און דיר צו דינען. „והגוף פעלך", און דער גוף איז דיינער וואס דו האסט איהם באשאפען. „מלכנו" אונזער קעניג, מיט דער נשמה, מיט די רוחניות דארפען מיר דיר דינען. חערסטו דערום אנגערופען אונזער קעניג, „בטל מחשבות שונאינו", פארניכטע די פלענער פון אונזערע פיינד איידער זיי וועלען נאך געפראיעקטירט ווערען, דען נאכהער ווען די פראיעקטען וועלען נאר ארויסגעהן, חאטשי זיי וועלען בלייבען אין ארחיוו ליגען קאנען זיי נאך אמאהל זיך אבפרישען דערום זאלסטו זיי פריער פערניכטען

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ הָפֵר עֲצַת אוֹיְבֵינוּ:

אונזער פאטער אונזער קעניג צושטער די עצות פון אונזער פיינד.

אקעניג פון א גרויסע מדינה האט געפיהרט אמלחמה מיט א צווייטען קעניג פון אקלייגער מלוכה, און ער האט איהם ניט געקאנט באזיגען, וויל דער קעניג פון דער קלייגער מדינה האט זיך פאר פעסטיגט מיט אשטארקען פעסטונג און ווען דער גרויסער קעניג מיט זיין גרויסע מאכט זיינען געקומען און האבען געוואלט איין נעהמען דעם פעסטונג האבען זיי ניט געקאנט איבער צוויי סבות, איין סיבה איז געווען אנאטירליכע און די צווייטע אקינסטליכע, איין סבה איז געווען: די ערד וואס זיי האבען געוואלט בויען אויף זיי די באטארייען איינצונעהמען די פעסטונג איז געווען א ווייכע און דער פונדאמענט וואס מ'האט געבויט איז געווען שוואך און דעריבער איז גלייך ווי מען פלעגט אנפאנגען בויען די באטא־רייען זיינען זיי גלייך צו פאלען געווארען נאך איידער מען פלעגט פארקאנצענען אויף בויען זיי, די צווייטע סבה איז געווען, ווען זיי פלעגען אפילו אנפאנגען בויען אין א פעסטען ארט, האבען די חיל וואס זיי זיינען געזעסען אין פעסטונג געהאט שפיאנען דארט, וואס זיי פלעגען גלייך געבען זיי צו וויסען, און ווי זיי פלעגען אנפאנגען צו בויען האבען זיי באוויזען אשטארקען געגענשטאנד מיט דעם

וואס מ׳פלעגט שיסען פון די גרעסטע הארמאטען און דערמיט האבען זיי צושטערט די ארבייט פון דעם געגנער, אט די דאזיגע צוויי זאכען געפינען מיר ביי דוד המלך ע״ה מיט אבשלום׳ען. בשעת זיין זון אבשלום איז געגאנגען מלחמה האלטען אויף איהם האט דוד המלך ע״ה געבעטען ביין רבש״ע (ש״ב ט״ז): „סכל נא עצת אחיתופל״, פארנארעש די עצות פון אחיתופל׳ן, דער איינזעגער אחיתופל זאל בויען זיין בנין אויף א שוואכען גרונד, ער זאל געבען א שלעכטע עצה. דערצו האט ער נאך אמיטעל געטאן: ער האט געגעבען א שטארקען ווידערשטאנד, ער האט געשיקט דעם קלוגען חושי הארכי ער זאל געבען אנגעגען־עצה געגען די עצה פון אחיתופל׳ן.

דער ווארט „אויב״ בעדייט א פיינד א אפענער, ווי מיר געפינען פיעל פסוקים וואס ווייזען דערויף. דאס ווידער זעהן מיר: דער מענש וואס פריער האט ער זיין פיינדשאפט באהאלטען און ניט ארויס געוויזען אויסען־ווייניג, ווען ער זעהט אז מיט זיין פארבארגענע פיינדשאפט קאן ער גאר נישט מאכען ווערט ער נאכהער א ארויסגעשטעלטער און א אפענער פיינד, ווי מיר געפינען ביי פרעה מלך מצרים, פריער האט ער געוואלט פארבארגען זיין שנאה צו אידען, און ער האט זיי געוואלט אונטערברייננגען דורך די אידישע אקושערקעס, ער האט זיי אנגעזאגט: „וראיתן על האבנים אם בן הוא והמיתן אותו״. אויב איהר וועט זעהן אז דער קינד איז א זון זאלט איהר איהם טויטען פארבארגענער הייד, קיינער זאל ניט וויסען אז איהר האט איהם געטויט, מען זאל מיינען אז דער קינד איז געבארען געווארען א טוידטער, אבער ווען די אקושערקעס זיינען געווען גאטספארכטיגע און האבען דאס ניט געטאן, האט ער געגעבען א אפענעם באפעל: „כל הבן הילוד היאורה תשליכוהו״. יעדער זון וואס וועט געבארען ווערען זאל מען איהם אין טייך אריינווארפען, דאס זעלבע זעהען מיר איצט אויך, די זעלבע מענשען וואס האבען צו געזאגט געבען אידען גלייכע רעכט ווען זיי האבען געדארפט האבען די אידישע שטימען, זיינען נאכהער געווארען די אידישע אפענע פיינד און שטייען געגען יעדער בעוועגונג וועגען אידישע רעכט, אויך פיעל וואס האבען פאריהער איין געהאלטען זייער מויל פון צו ריידען שלעכטעס אויף אידען, זיינען נאכהער, ווען עס האט זיך געווענדעט אן זייערע אבשטימונג, ארויס אפען געגען אידישע מינדיסטע רעכט. ווי דער תנא זאגט אין מסכת אבות פ״ב:

„הוו זהירים ברשות, שאין מקרבים לו לאדם אלא לצורך עצמם, נראים כאוהבים בשעת הנאתם ואין עומדים לו לאדם בשעת דחקו", זיינט פאָרזיכטיג מיט די מעכטיגע לייט געגען די געזעצע וועלכע ווי ווייזען זיך פריינדליך נאָר בשעת זייערע נוצען און העלפען איהם ניט אין זיין נויט. דאס זעלבע קומען מיר אויך בעטען דעם רבש״ע ער זאָל צושטערען די עצות פון אונזערע פיינד גלייך פון אנפאנג, מיט די זעלבע צוויי אופנים ווי דוד המלך ע״ה האָט געבעטען. אין זאָך: ער זאָל זיי געבען אגעדאנקען אז זייערע עצות זאָל זיין געבויט אויף א שוואכען באָדען אז זיי זאָלען קיין קיום ניט האָבען, דען דער בוי״ת איז דאָך דער באשעפער פון מענשען, געגען דעם רופען מיר איהם אָן „אבינו". ער איז דאָך אבי המחשבות, ווידער זאָל ער געבען אשטארקען ווידערשטאנד מיט אגעגען-עצה. געגען דעם רופען מיר איהם אָן „מלכנו" אונזער קעניג „הפר עצת אויבינו".

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ כַּלֵּה כָּל צַר וּמַשְׂטִין מֵעָלֵינוּ:

אונזער פאָטער אונזער קעניג פאַרטיליג יעדען באַליידיגער און וואס רעדט שלעכטעס אויף אונז.

איינער איז אמאָל אוועק געפאָרען אין א ווייטע וועג און האָט איבערגעלאָזען צו הויז אפרוי מיט קינדער, דער פרוי האָט ער פאַרזאָגט אז זי זאָל גוט אויף פאַסען די קינדער, זי זאָל אכטונג געבען אויף זיי זיי זאָלען האָבען זייער עסען אין דער צייט און זייער טרינקען אין דער צייט, זיי זאָלען געהן שיין און וואַרעם געקליידעט. אויך זאָל זי אכטונג געבען זיי זאָלען גיין אין אגוטע וועג. די קינדער ווידער האָט ער פאַר זאָגט אז זיי זאָלען ערהליך האַלטען דער מוטער און איהר געהאָרכזאם זיין, ווען די פרוי איז טאקע די מוטער פון די קינדער, אָדער אפילו זי איז ניט די מוטער זייערע נאָר זי איז אשטיף מוטער, אָבער זי איז א אָרענטליכע פרוי, א גוט-הערציגע, אגאַטעס פאָרכטיגע, האַלט זי אויך די שטיף קינדער ריכטיג ווי איהרע אייגענע קינדער, און פאַסט זיי אויף אין אלעס ווי דער מאַן האָט איהר פאַרזאָגט, און אמאָל אז

עס טרעפט אז זיי טוען עפעס יא אזאך ניט ווי עס געהער צו זיין, פאר ווארענט זי זיי אז זיי זאלען דאס נאך אמאל ניט טאן, און ווען דער מאן קומט פון וועג און וויל זיי באשטראפען באשיצט זי זיי און איז אויף זיי מלמד זכות פארען מאן, און דאן האלטען אויך די קינדער עהרליך דער מוטער. אמאל אבער טרעפט אז די שטיף מוטער איז א שלעכטע, ווי דער מאן פארט גאר אוועק גיט זי די קינדער ניט עסען, ניט טרינקען, און קליידעט זיי ניט, זיי גייען ארום פארהונגערט, בארוועס און נאקעט, און זי גיט אויף זיי ניט אכטונג, אז זיי זאלען גיין אין א גוטע וועג, און דאדורך ברייננט זי זיי, אז זיי זאלען טאן אומפאסענדע זאכען, און די קינדער שעצען זי אויך ניט, און זיי זיינען איהר ניט געהארכזאם, און זי גייט ארום און שרייט פאר די שכנים אז די קינדער זיינען שלעכטע און זיי גייען אין א שלעכטע וועג. ווען דער פאטער איז געקומען צו פארען האט ער זיך גענומען נאך פרעגען ביי די שכנים האבען זיי איהם דערציילט אלעס ווי זי האט געפירט מיט די קינדער. נאכהער ווען זי איז אליין געקומען זיך באקלאגען פארען מאן אויף די קינדער אז זיי האבען ניט געפאלגט זיין פארזאג און זיי האבען איהר גאר ניט געשעצט, איז דער פאטער אויף איהר נאך אין כעס געווארען און האט איהר געמאכט שטארקע פארווירפע וואס זי האט זיך אזוי אויף געפיהרט מיט די קינדער און אז זי מיט איהר פיהרונג האט אלעס געבראכט דערצו:

דאס זעלבע, הייליגע אידען, איז מיט אונז אויך! אונזער טאטע דער רבש"ע האט אונז אוועק געווארפען (הלך בדרך למרחוק) ער איז אוועק אין א ווייטע וועג, ער האט אונז פאר טריבען פון אונזער לאנד, ער האט אונז איבער געגעבען צו א שטיף מוטער, אין אפרעמדע לאנד. ער האט איהר פאר זאגט אז זי זאל אויף אונז אכטונג געבען. ווי עס שטייט אין פסוק: „ואף גם זאת בהיותם בארץ אויביהם לא מאסתים ולא געלתים לכלותם". אפילו ווען די אידען וועלען זיין אין די לאנד פון זייער פיינד האב איך זיי ניט פאראומווירדיגט אז מ'זאל זיי קאנען פאר ניכטען. אונז ווידער האט ער פארזאגט אז מיר זאלען איהר שעצען, ווי דער הייליגער נביא זאגט (ירמי' כ"ט): „ודרשו את שלום העיר אשר הגליתי אתכם שמה והתפללו בעדה אל ה' כי בשלומה יהי' לכם שלום". איהר זאלט די פריעד פאדערן פון דער לאנד וואס איך האב אייך פארטריבען דארט און בעט פאר איהר צו השי"ת, דען ווען זי וועט זיין אין פרידען וועט

איך זיין גוט. עס איז טאקע דא אזעלכע מדינות וואס מ'האלט אונז גאר ניט פאר שטיף קינדער, די קעניגען זיינען מלכי חסד און זיי פארהיטען דעם אידען פון ש״עכטעס און מיר דארפען דער רעגירונג דאנקבאר זיין. ווען ניט די רעגירונג וואלט מען אונז לאנג פארניכטעט, ווי דער תנא זאגט אין אבות: „הוי מתפלל בשלומה של מלכות שאלמלא מוראה איש את רעהו חיים בלעו״. איהר זאלט בעטען השי״ת פאר די פריער פון די רעגירונג ווען ניט איהר אויפפאסונג וואלט איין מענש דעם צווייטען לעבעדיגערהייד איינגעשלונגען. עס איז אבער פאראן אזעלכע מדינות, ניט דא געדאכט, וואס דער איד איז פאר האסט ביי זיי און זיי האלטען איהם טאקע פאר אשטיף קינד, פאר פרעמדע, חאטשי זיי צאלען אלע ציגזען און אבצאלונגען גלייך מיט אלעמען פון דעסטוועגען יאגט מען דעם אידען, מ'שלאגט איהם, מ'פייניגט איהם, מ'טוט איהם אן יסורים און ענוים, מ'דריקט איהם מיט אלעם וואס מעגליך איז, און דאדורך ברייגנגט מען איהם אפטמאל אז ער זאל טאקע טאן וואס ניט אנשטענדיג איז און נאכהער שרייט מען: „גוואלד, אידען זיינען פערברעכער״! מ'פארשטעלט זיי די וועגען פון פרנסה און מען שרייט אז זיי זיינען שולדיגע, אלזא בעטען מיר דעם רבש״ע: „אבינו״ אלס ער איז אונזער פאטער „כלה כל צר״. „מלכנו״ אלס ער איז אונזער קעניג „ומשתין מעלינו״ אז ער זאל ניט אננעמען קיין שלעכטע רייד אויף אונז און ער זאל דן זיין אונז לכף זכות.

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ סְתוֹם פִּיּוֹת מַשְׂטִינֵנוּ וּמְקַטְרִיגֵנוּ:

אונזער פאטער אונזער קעניג, פאר. מאך די מיילער פון אונזער אנקלאגער און פון אונזער באליידיגער.

ביי די לעצמע צייט האט פאסירט דאס עס קומט איינער און רעדט אן איינגע מענשען צו א פערברעכען, און גיט זיי אלעין אויף פערשידענע פארברעכערשע פלענער און ווען עס האלטען שוין די פלענער ביין אויסגעפיהרט ווערען דאן גייט דער זעלבער מענש וועלכער האט די פלענער זעלבסט אויף געגעבען, און וועלכער

דאָס אַליין צו גערעדט צום גאַנצען פֿאַרברעכען און גיט די אַלע מענשען אַרוים דער כאַכט און זיי ווערען גערעכענט אלס געפערליכע מענשען פֿאַר דער לאַנד, ווען די גאַנצע שולד אין דער ווירקליכקייט ליגט נור אויף דעם איין מענשען וועלכער האָט דאָס אַלעס אויף געגעבען, און יענער מענש נעמט אַרוים פֿריי. ווען אָבער אַז עס קומט אין געריכט און די מענשען הויבען אָן בעטען די ריכטער אַז זיי זאָלען די זאַך גוט דורך שטודירען און ווייזען אויף זייער אונשולדיגקייט, און די גאַנצע שולד ליגט נאָר אויף זייער באַשולדיגער, דאַן ווערט איהם דער מויל פֿאַרמאַכט און קאָן נאָר ניט רעדען און זיי ווערען אין גאַנצען באַפֿרייט.

בשעת עס ווערט פֿאַרפֿיהרט אַ משפט איז דאָ אַבעשולדיגער (קטיגור, פּראָקוראָר) וואָס ער גיט אויף די פֿאָדערונגען פֿון שולד און איז מלמד חוב בײַם געריכט. און נאָכהער ווען מען פֿאַרשולדיגט דעם מענשען איז דאָ אַרעגנירונגס בעאַמטער וואָס ער פֿיהרט אוים דעם שטראָף, דאָס זעלבע איז דאָ בדין של מעלה, נישט מעהר וואָס בײַ מלכותא דארעא ליגט יעדער אמט אויף איין אַנדערען און בדין של מעלה ליגט דאָס אַלץ אויף איינעם. די גמרא זאָגט אין ב"ב (דף ט"ז): „הוא השטן הוא היצ"ר הוא המלאך המות יורד ומתעה עולה ומרגיז נוטל רשות ונוטל נשמה". אז דער שטן רעדט אָן דעם מענשען צו זינדיגען און נאָכהער איז ער מקטרג אויף איהם, און נאָכהער פֿירט ער אַליין אוים דעם פסק אויפ'ן באַשולדיגטען. דערויף בעטען מיר: „והסר שטן מלפנינו ומאחרינו". דו זאָלסט אָב טאָן דעם שטן פֿון פֿאַר אונז און פֿון הינטער אונז, דאָס מיינט מען פֿון פֿאַר אונז, ער זאָל אונז ניט אָן רײַדען צו זינדיגען און פֿון הינטער אונז, ער זאָל אויף אונז ניט מקטרג זײַן בשעת מען איז דן דעם מענשען פֿאַר די עברות וואָס ער האָט גיטאָן.

אויף אַ פֿאָטער ליגט אַ חוב ער זאָל אויף פּאַסען דעם קינד און אָבהיטען איהם פֿון טאָן שלעכטע טהאַטען, אויף דעם קעניג ליגט אַ חוב ער זאָל אַכטונג געבען אין דער מדינה אַז דער משפט זאָל זיך פֿיהרען ריכטיג, מען זאָל אומזיסט ניט פֿאַרשולדיגען קיין מענשען, דערום בעטען מיר דעם רבש"ע אַלעס „אָבינו" אונזער פֿאָטער „סתום פיות משטינינו". ער זאָל פֿאַרמאַכען די מײַלער פֿון אונזערע אָנקלאָגער, ער זאָל אונז פֿאַרהיטען פֿון זיי מיר זאָלען ניט זײַן פֿאַר פֿירט נאָך זיי וועלען זיי ניט האָבען וואָס אָן צו קלאָגען

אונז. און אלעס „מלכנו" וואס ער איז אונזער קעניג בעטען מיר ער זאל פארמאכען דעם מויל פון אונזערע „מקטרגים" וואס זיי זיינען מקטרג אויף אונז ביין יום הדין וויל דער באשולדיגער זעלבסט האט אונז אראב געפירט פון וועג.

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ כַּלֵּה דֶּבֶר וְחֶרֶב וְרָעָב וּשְׁבִי וּמַשְׁחִית וְעָוֹן מִבְּנֵי בְרִיתֶךָ:

אונזער פאטער אונזער קעניג, ווענד אב פעסט און שווערד, הונגער און געפאנגענשאפט און פארדארבונג און זינד פון דיינע בונדעס קינדער.

איינער איז אריין צום צווייטען אין הויז אין א רעגענדיגען טאג האט ער געזעהן עס שטייט אן געשטעלט פערשידענע כלים אלע פול מיט וואסער, גייען אריבער די ברעגעס און פאר גאבען אויף דער ערד, די פאדלאגע (פאל) איז צופוילט פון די פיעל וואסער וואס עס גיסט זיך אויף איהר. ער טוט א קוק אין דער הויך זעהט ער אז דער באלקען איז אויך גיפוילט, וויל די וואסער גיסט אויף איהם פון דאך ביז עס האט שוין גיכאפט פוילען, פאר שטייט ער דאך אז די אלע כלים איז אוועק גישטעלט געווארען עס זאל דארטען אריין גיסען זיך די רעגען וואסער וואס עס רינט אריין אין שטוב. זאגט ער צו די שטוב מענשען: איך וועל אייך געבען א עצה אז איהר זאלט ניט דארפען האבען אט די אלע כלים וואס דא איז אן געשטעלט געווארען, און דער באלקען מיט דער פאדלאגע וועט אויך מעהר ניט פוילען. וואס איז דאס דיין עצה?—פרעגען איהם די שטוב מענשען—ענטפערט ער זיי: אט איך וועל אייך ווייזען, אז אט די גאנצע וואסער וואס עס רינט דא אריין אין שטוב קומט דאס פון איין לאך וואס עס געפינט זיך אין דאך, וויל עס פעלען אפאר שינדלען אדער דאכאוקעס, זאלט איהר נעמען אפאר אנדערע שינדלען אדער אפאר אנדערע דאכאוקעס און פאר דעקען די לאך וואס איז אין דאך וועט דער רעגען ניט גיסען אין שטוב, אט וועט איהר די גאנצע כלים ניט דארפען האבען.

דאָ זעהן מיר אַז ער רעכענט: „דבר, חרב, רעב", און ווייל דער שטייגער איז דאָך צורעכענען די הארבערע זאַך פריער, פאַרשטייען מיר אַז „דבר" איז הארבער פאַר „חרב" און „חרב" איז הארבער פאַר „רעב", ווי מיר געפינען אין פסוק שטייט „התבוא לך שבע שנים רעב בארצך, ואם שלשה חדשים נוסך לפני צריך והוא רודפיך ואם היות שלשה ימים דבר בארצך". דער נביא האָט געזאָגט צו דוד המלך ע"ה אין נאָמען פון השי"ת, ווען ער האָט געצייהלט די אידען נעגען דעם ווילען פון השי"ת, ער זאָל זיך אויסקלייבען פאַר אשטראָף איינע פון די דריי זאַכען. אָדער עס זאָל זיין זיבען יאָהר הונגער אין זיין לאַנד, אָדער דריי חדשים אַנטלויפען פון פיינד און יאָגער זאָל איהם נאָך יאָגען, אָדער דריי טעג פעסט. פאַרשטייען מיר אַז די זאַך וואָס ער האָט אויף איהר גענעבען אַקלענערע צייט איז די זאַך אַשווערערע, איז פעסט שווערער פאַר אַלעם, נאָך דעם איז חרב, מלחמה. און נאָך דעם איז הונגער, קומט אויס אַז הונגער איז גרינגער פאַר אַלץ, דערום האָט מען געגעבען זיבען יאָהר צייט דערויף. קומט דאָך מאַקע אויס אַז ער רעכענט פריער די שווערערע און נאָכהער די גרינגערע. פרעג איך אָבער אַהארבע קשיא: טאָ פאַר וואָס זשע רעכענט ער נאָך שפּעטער פאַר די אַלע זאַכען „ושבי" וואָס דאָס איז נאָך שווערער פאַר אַלעם. ווי די גמרא זאָגט אין ב"ב (דף ח' ע"ב): שבי קשה מכולן דכולהו איתנייהו בי". געפיננענעש אין שווערער פאַר אַלע זאַכען, ווייל איבער דעם געפאַנגענעם ערלויבט מען זיך אַלעם צו טאָן? (און דאָס וואָס די גמרא זאָגט דאָרטען אין ב"ב, אַז הונגער איז שווערער פאַר שווערד? פאַר-ענטפער איך דאַמיט: ווען מען זאָל קלערען אויף דעם איינצעלען מענשען וואָס ער שטאַרבט פון הונגער אָדער פון שווערד: וואָס איז שווערער? געוויס דאַרף מען ענטפערען אַז דורך הונגער איז שווערער צו שטאַרבען, ווי די גמרא זאָגט דאָרטען: „האי מצטער והאי אינו מצטער". דער וואָס שטאַרבט פון הונגער מאַטערט זיך לאַנג און פון שווערד מאַטערט מען זיך ניט לאַנג, אָבער בכלל פאַרשטייט מען אַז פון שווערד אין אַ מלחמה שטאַרבען מעהרער מענשען ווי פון הונגער ווי דער פסוק זאָגט: „כזה וכזה תאכל חרב"*)

דערום מוז מען זאָגען אַז דאָס איז צוויי באַזונדערע ענינים. פריער רעכענט ער: „דבר, חרב ורעב" דאָס איז עניני הגוף און נאָך דעם רעכענט ער: „שבי ומשחית", מיינט ער דאַמיט די שעדליכקייט אין עניני הנפש, און ער רעכענט אויך די הארבערע פריער. נאָר

וואס דערלענט ער אבער דא „עון", דאס האט דאך גאר ניט צו די פריערדיגע זאכען, דען די אלע זאכען איז אלעס ענש וואס דער מענש ווערט באשטראפט פאר דער עבירה און „עון" איז דאך די עבירה אליין?

נאר הערט זיך צו הייליגע אידען! אט דאס איז וואס איך האב פריער אייך דערציילט וואס עס האט פאסירט מיט יענעם בעה"ב מיט די כלים, וואס די אלע כלים זיינען פארפולט געווארען מיט וואסער נאר א דאנק די איין לאך וואס עס איז געוועזען אין דאך. און אז מען וועט פארשטעלען די לאך וועט מען ניט דארפען האבען די כלים, דאס זעלבע איז מיט אונז, אט דאס אלעס וואס ער רעכענט דא „דבר, חרב ורעב, שבי ומשחית". דאס אלץ קומט פון איין לאך וואס עס איז דא אין דאך, די לאך איז דער „עון", אט פון דעם עון, הייליגע ברידער, קומט ר"ל: אי דבר אי חרב אי רעב אלעס אלעס קומט נאר פון די איין לאך. אלזא, הייליגע אידען, דארפען מיר די לאך פארדעקען, מיר דארפען תשובה טאן אויף דעם עון, מיר דארפען חרטה האבען אויף אונזערע זינד וואס מיר האבען געטאן וועט אויף אונז קיינע שלעכטעס ניט קומען.

און וויל עס רעדט זיך דא פון צוויי ענינים פון גשמיות און פון רוחניות און מיר בעטען דא אויף די ביידע, זיינען מיר כולל אין אונזער תפלה: „אבינו מלכנו כלה דבר וחרב ורעב" (דאס איז עניני גשמיות) ושבי ומשחית (דאס איז עניני רוחניות) ועון (וואס וואס ברענגט אלעס מיט) מבני בריתך".

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ מְנַע מַגֵּפָה מִנַּחֲלָתֶךָ:

אונזער פאטער אונזער קעניג, פארמייד פלאגען פון דיין פאלק.

אגרויסע שיף, בעלאדען מיט א גרויסען פארמעגענס סחורה און איבערפולט מיט טויזענדער מענשען, ארעמע און רייכע און גאנץ רייכע, איז ארויס געגאנגען אין ים פון אײראפא צו גיין נאך אמעריקא, אין נויארק ביים פארט ערווארטעט מען אז די שיף זאל קומען גליקליך, דא ערווארטעט אפדוי איהר מאן און דער ערווארטעט זיינעם אברודער דער זיינעם א פריינד און דער זיינעם א גוטען פריינד, און דער ערווארטעט זיינע סחורה זאל אנקומען.

מען ערווארטעט איהר יעדערער מיט אומגעדולד, די שיף איז אבער צום גרויס בעדויערען ניטא, פלוצלונג דערוויסט מען זיך אז מיט דער שיף האט אגרויסער אומגליק געטראפען, זי האט זיך אב געקלאפט אן א צווייטע שיף וואס איז איהר אן געקומען אנטקעגען. די שיף איז אונטערגעגאנגען מיט'ן גרויסען פארמעגען וואס עס האט זיך אויף איהר געפונען, און פיעל מענשען האבען זייער קבר אין טיפען ים געפונען. די רעגירונג האט אנגעפאנגען זוכען מיטלען עס זאל נאך א מאל אזוינס ניט פארקומען, מען זאל קאנען אויף פאסען די שיפען זיי זאלען ניט אן קלאפען איינע אן די צווייטע און יעדע זאל זיך קאנען גיין זיכער איהר וועג אום געשטערט.

דער אונטערשייד פון דבר ומגפה איז: „דבר" איז אפעסט, דאס איז אזא מין מחלה ר"ל וואס פארניכטעט דעם מענשענס לעבען, „נגף" איז אפלאג וואס איין זאך קלאפט זיך אן די אנדערע זאך, אזוי ווי מיר געפינען אין פסוק שטייט: „כי יגוף שור איש את שור רעהו". איין מענשינס אקס וועט שטויסען דעם אקס פון צווייטען מענשען. „ונגפו אשה הרה", זיי וועלען צוקלאפען א שוואנגערע פרוי: „ונגפו לפני אויביהם" זיי וועלען געפלאגט ווערען פאר זייערע פיינד. דערום ביי דבר שטייט „כלה דבר" דו זאלסט דעם פעסט פארניכטען ער זאל זיך במציאות ניט געפינען און ביי מגפה שטייט „מנע מגפה" פארמייד די פלאגען. ד"ה די זאך אן וואס עס ווערט אנגעקלאפט, דארף זיין נאר מ'דארף בעווארענען אז עס זאל זיך איין זאך אן דער צווייטער ניט אנקלאפען, און אויף דעם זוכט די רעגירונג מיטלען. מיר געפינען אבער אויך מגפה וואס עס קומט פון די העכער פון בוי"ת אליין. „ויגוף ה'" גאט האט גיפלאגט. „מגפה גדולה היתה בעם", א גרויסער פלאג איז געוועזען אין דאס פאלק. אלזא ווען מיר בעטען „מנע מגפה" בעטין מיר אין ביידע פאלען. איינס, אז דער בוי"ת אליין זאל אונז ניט פלאגען. אויף דעם פאסט צו בעטען מיט דעם לשון „אבינו", אונזער פאטער. און צווייטענס ער זאל ניט דערלאזען אז א צווייטער זאל אונז פלאגען, דערויף פאסט צו בעטען מיט'ן לשון „מלכנו", אונזער קעניג, וויל דאס איז אנבעלאנגט אן דער רעגירונג. „מנע מגפה מנחלתך".

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ סְלַח וּמְחַל לְכָל עֲוֹנוֹתֵינוּ:

אונזער פָאטער אונזער קעניג, פַארגיב און פַארצייהע אַלע אונזערע זינד.

אַפָאטער האָט געשיקט וויִנטער צייט זיינעם אַ קינד אין חדר לערנען, און ער האָט איהם פַארזאָגט ער זאָל זיך ניט גיין גליטשען אויפ'ן אייז. דער קינד האָט אָבער ניט געפָאלגט דעם פָאטערס פַארזאָג און איז געגאַנגען זיך גליטשען און איז טאַקע געפַאלען און האָט זיך צושעדיגט, צוואונדעט. ער קומט ווי עס איז אַהיים, ער מאַטערט זיך צו בעהאַלטען פון פָאטער זיינע ווייטאָגען, ער האָט מורא צו בעטען דעם טאַטען ער זאָל רופען אַ דאָקטאָר איהם היילען, ווייל ער ווייס דאָך אַז ער האָט געזינדיגט געגען טאַטען און ער האָט עובר געווען אויף זיין פַארזאָג, וועט ער דאָך איהם איצט ענטפערן: איך האָב דאָך דיר פַארזאָגט, אַז דו זאָלסט ניט גיין זיך גליטשען. ווי איז אָבער אַז דעם קינד הויבט אָן שטאַרק צו וויי טאָן, עס איז איהם שוין שווער צו פַארטראָגען דעם ווייטאָג, איז ער זיך מיישב און קומט צום פָאטער און הויבט איהם אָן בעטען: ליבער פָאטער! איך האָב געזינדיגט קעגען דיר, איך האָב ניט געפָאלגט דיין פַארזאָג, איך בין געגאַנגען זיך גליטשען, היינט פערצייהע מיר. דער פָאטער האָט שוין פַארשטאַנען זיין צרה. נו—זאָגט ער—זאָג מיר שוין וואָס האָסטו זיך שוין אָנגעמאַכט מיט דיין גליטשען זיך? דו האָסט זיך שוין געווים צוקאַליעצעט צוואונדעט, זאָג שוין. דער קינד ווייזט איהם זיינע וואונדען. דער פָאטער האָט אויף דעם קינד רחמנות געהאַט ער איז דאָך אַ טאַטע — און האָט געשיקט נאָך אַ דאָקטאָר און ער האָט איהם די וואונדען געהיילט. דאָס איז אָבער גערעדט אַז די וואונדען זיינען ניט קיין געפעהרליכע. ווי איז אָבער אַז די וואונדען זיינען זייער געפעהרליכע און דער קינד האָט זיך גוט צושעדיגט אַז ער קאָן זיך ניט אויפהויבען פון אָרט, דאַן קוקט ער שוין ניט וואָס דער פָאטער וועט אויף איהם שרייען, און הויבט באַלד אָן בעטען דעם פָאטער אַז ער זאָל שיקען נאָך אַ דאָקטאָר, שפּעטער אַז ער וועט זיך אַביסל בערוהיגען פון די ווייטאָגען וועט ער בעטען דעם פָאטער פערצייהונג.

דאָסזעלבע איז מיט אונז, הײליגע אידען! די ראשונים קלערען

װאָס איז אַן עבירה, אויב דאָס איז ריכטיג ווי א קעניג גיט ארויס א באַפעל מוז מען איהם פאָלגען און ווען מ'פאָלגט איהם ניט בעשטראָפט ער, אָבער דער ניט פאָלגען אליין קאָן דעם מענשען גאָר ניט שאַדען. אָדער דאָס איז ריכטיג ווי א דאָקטאָר פאַרזאָגט א קראַנקען אַז ער זאָל ניט עסען א זאַך וואָס עס איז פאַר איהם שעדליך און ווען ער עסט דאָס מאַכט איהם דער עסען זעלבסט דעם שאַדען. זאָגט דער דובנער מגיד ז"ל, אַז עס איז ביידע זאַכען ריכטיג. די עבירה איז טאַקע א מין גיפט, אַ שעדליכע זאַך פאַר'ן נפש פון מענשען, און דערום האָט דער בוי"ת פאַרזאָגט אַז מ'זאָל דאָס ניט טאָן, אָבער ווען דער בוי"ת האָט שוין יאָ פאַרזאָגט אַז מ'זאָל ניט טאָן און מ'טוט דאָס, איז דאָס אַ באַזונדער פערברעכען וואָס מ'פאָלגט איהם ניט און מ'ווערט דערפאַר בעשטראָפט.

„סליחה" רופט זיך וואָס מ'בעט דעם בוי"ת ער זאָל אונז היילען די פעלערען וואָס מיר האָבען געמאַכט מיט אונזערע זינד. „מחילה" הייסט וואָס מיר בעטען פאַרצייהונג פון בוי"ת וואָס מיר האָבען איהם ניט געפאָלגט. וואָלט מען איינענטליך געדאַרפט בעטען פריהער מחילה און נאַכהער סליחה, ריכטיג ווי דער קינד וואָס האָט זיך פערוואונדעט גליטשענדיג זיך, מיר האָבען אָבער פריהער ערקלערט אַז דאָס איז נאָר גירעכט ווען די וואונדען זיינען ניט קיין געפעהרליכע, אָבער ווען די וואונדען זיינען שטאַרק געפעהרליכע ראַן בעט דער קינד דעם טאַטען פריהער אַז ער זאָל איהם רופען א דאָקטאָר און נאַכהער בעט ער פערצייהונג. דאָס זעלבע איז מיט אונז, היילינע אידען! מיר האָבען זיך אזוי פיעל און אזוי שטאַרק צוקלאַפט מיט אונזערע זינד קעגען אונזער באַשעפער אַז מיר קאָנען זיך וואַגען פריהער צו בעטען „סלח", אַז ער זאָל אונז היילען די וואונדען פון די עבירות. מיר האָבען אזוי פיעל געזינדיגט אַז („אין בנו מתום") עס איז ניטאָ אין אונז קיין גאַנצער גליד („פצע וחבורה ומכה טריה") וואונדען אויף וואונדען און ביילען אויף ביילען. דערום בעטען מיר פריהער „סלח" היילונג און דערנאָך „מחל" פערצייהונג, ווייל ער איז „אבינו" אונזער פאָטער בעטען מיר „סלח" היילונג, ווי מיר זאָגען אין שמ"ע „סלח לנו אבינו". און ווייל ער איז „מלכנו" אונזער קעניג בעטען מיר „מחל" פאַרצייהונג, ווי מיר זאָגען אין שמ"ע „מחל לנו מלכנו", פאַרצייהע אונז אונזער קעניג.

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ מְחֵה וְהַעֲבֵר פְּשָׁעֵינוּ וְחַטֹּאתֵינוּ מִנֶּגֶד עֵינֶיךָ:

אוּנְזֶער פָאטֶער אוּנְזֶער קֶענִיג, מֶעק אָב אוּן בֶּעזֵייטִיג אוּנְזֶערֶע פֶערְבְּרֶעכֶען אוּן אוּנְזֶערֶע זִינְד פוּן דַיינֶע אוֹיגֶען.

א פאטער האט געהאט א קינד זעהר א ווילדען, זעהר א צוּלאָ־זענעם, דער פאטער פלעגט איהם אבער שטארק בעשטראפען פאר יעדער קליינעם פערברעך וואס ער האט געטאן. איין מאל האט דער קינד געטאן זייער א גרויסען פארברעך קעגען פאטער און איהם האט געדראהט דערפאר זייער א גרויסער שטראף. דער קינד האט געדיינקט אז וויבאלד אז אויף יעדער קליינעם פערברעך פלעגט איהם דער פאטער בעשטראפען, היינט אז ער האט געטאן א גרויסען פערברעך וועט ער איהם געוויס שטארק בעשטראפען. דער פאטער האט אבער גאנץ אנדערש גערעכענט. אמת טאקע אז אויף קליינע פערברעכין פלעגט ער איהם יא בעשטראפען, דאס איז געווען כדי ער זאל זיך ווייטער פערבעסערען, אבער אויף א גרויסען פערברעך אויב ער וועט איהם בעשטראפען נאך זיין פערברעכען נאך קומט דאך איהם טויט־שטראף, וועט דאך דאס קיין נוצען ניט בריינגען און ער האט דאס דורכגעלאזען. ווי עס שטייט אין פסוק (משלי י״ט): ״יסר בנך כי יש תקוה ואל המיתו אל תשא נפשך״. שטראף דיין קינד, דען דו האסט א האפענונג אז ער וועט זיך פאר־בעסערן אבער צו טויטען איהם זאלסטו זיך ניט בעוועגען. און אזוי ווי מיר געפינען ביי דוד המלך ע״ה ווען זיין זון אבשלום האט אין איהם מורד געוועזן און ער איז ארויסגעגאנגען מלחמה האלטען מיט איהם האט ער פארזאגט זיינע שרי הצבא: „לאט לנער לאבשלום״. מ׳זאל זיין פארזיכטיג מיט׳ן יונג מיט אבשלום׳ן.—נאכהער ווי דער זון איז גרוים געווארען איז ער אנגיקומען צו דינען פאר א זעלנער. האט געטראפען פיעל מאל ער האט געטאן קליינע פערברעכען וואס דער פאטער זיינער פלעגט איהם דערפאר בעשט־אפען, און זיינע בעאמטע האבען ניט געלייגט קיין חערט דערויף, זיי האבען זיך גע־מאכט ניט זעהענדיג. נאכהער האט פאסירט אז ער האט אויך געטאן א גרויסען פערברעך קעגען קעניג, דא האט ער גערעכענט

וועט מען איהם געווים בעפרייען, דען ער האט זיך אזוי געטראכט; אז ווען דער קעניג האט מיך בעפרייט פאר די קליינע פערברעכען וואס דער פאטער פלעגט מיך בעשטראפען, וועט ער דאך מיך געווים בעפרייען פאר דעם גרויסען פארברעכען וואס דער פאטער האט מיר אויך בעפרייט. אבער דא האט ער ווידער א טעות געהאט. דען דער פאטער דארף אלטונג געבען און בעטראכטען יעדער קליינינקייט וואס א קינד טוט, ווי שלמה המלך ע"ה האט געזאגט: „חנוך לנער על פי דרכו", געוויינען דעם קינד פון יוגענד, „חושך שבטו שונא בנו", דער וואס פערמיידעט צו בעשטראפען זיין קינד האט ער איהם פיינד. אבער ווען ער טוט א גרויסען פארברעך און ער וועט איהם בעשטראפען פארלירט ער דאך אינגאנצען זיין האפנונג, דאן לאזט דאס דער פאטער דורך, אבער דער קעניג קאן זיך ניט ארומקוקען אויף יעדער קליינינקייט וואס דער זעלנער טוט. אבער ווען ער טהוט א גרויסען פערברעך דאן בעשטראפט ער אן רחמנות.

היינט דארפען מיר בעטראכטען. דאס וואס מיר בעטען: „מחה והעבר פשעינו וחטאתינו מנגד עיניך", אז דער בוי"ת זאל אבמעקען און בעזייטיגען אונזערע פערברעכען און אונזערע זינד. ווי באלד אז ער וועט די זינד אבמעקען צו וואס דארף ער זיי בעזייטיגען נאר דא ווערט נירעט פון צוויי בעזונדערע עבירות: פון גרויסע פערברעכען און פון קליינע עבירות. מיר ווייסען גאנץ גוט, הייליגע ברידער! אז מיר האבען פיעל פערבראכען קעגען דעם בוי"ת סיי אין גרינגע עבירות סיי אין שווערע זינד. און מיר קומען איצט בעטען דעם בוי"ת אויף ביידעם. אויף די שווערע עבירות בעטען מיר איהם אז ער זאל אונז מוחל זיין ווייל ער איז אונזער פאטער. דען דאס איז דאך דער שטייגער אז א פאטער איז מוחל א שווערע זינד. און אויף די גרינגע עבירות בעטען מיר איהם ער זאל ניט לייגען קיין אכט אויף זיי ווייל ער איז אונזער קעניג, דען אזוי איז דער שטייגער פון א קעניג. און דאס זאגען מיר אין אונזער תפלה: „אבינו מלכנו", ווייל דו ביסט „אבינו" אונזער פאטער, „מחה פשעינו" מעק אב אונזערע שטארקע זינד, און ווייל דו ביסט „מלכנו" אונזער קעניג: „העבר חטאתינו מנגד עיניך", זאלסטו פארביילאזען אונזערע קליינע זינד פארבייא דיינע אויגען דו זאלסט זיך מאכען ווי ניט וויסענדיג.

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ מְחוֹק בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים כָּל שִׁטְרֵי חוֹבוֹתֵינוּ:

אונזער פאטער אונזער קעניג, מעק אב מיט דיין פיעל דערבאַר רעמקייט אַלע וועקסלען פון אונזערע שולדען.

א גרויסער סוחר וועלכער האט געהאנדעלט זייער גרויס און האט גרויסע קאנטעס געהאט, איז מיט אמאל געווארען געפאלען. דער סוחר האט זיך אביסל פארטאן אין לעבען א גוטען טאג, ער האט ניט געקוקט אויף זיין געשעפט, ער האט איהם פערנאכלעסיגט, די געשעפטען האבען אנגעהויבען גיין שלעכט, ער איז געגאנגען ארונטער און ארונטער ביז ער האט געמאכט א באנקראט, ער זהאט אויפגעהערט צו צאלען זיינע חובות. די בעלי־חובות זיינען געקומען און מ'האט אנגעהויבען מאנען, מ'האט געוואלט מאכען א אויספער־קויף אויף זייןווירטשאפט. האט דער סוחר אנגעהויבען בעטען די בעלי חובות: וואס וועט איהר קאנען מאכען מיט מיין ביסל ווירט־שאפט ווען איהר וועט דאס פערקויפען? וויפיעל וועט אייך אנקומען יעדערען אויף זיין חלק? אט לאמיר אנהויבען האנדלען ווייטער, איך וועל שוין זעהן אויפפאסען דעם געשעפט בעסער וועט איהר אן מיר פערדינען מער וויפיעל איהר וועט בעקומען פאר מיין ביסל ווירטשאפט. די סוחרים האבען זיך געלאזט אנריידען, ער האט זיי ארויסגעגעבען וועקסלען אויף די אלטע חובות און זיי האבען איהם געגעבען פרישע קאנטעס. ער האט אנגעפאנגען ווייטער האנדלען און האט אביסעל פארדינט, די פרישע קאנטעס געצאהלט ביסלעכווייז. אבער די אלטע האט ער ניט געקאנט צאלען, רען אויף אזוי פיעל האט דער געשעפט ניט געטראגען. א מאל קומט ער צו די סוחרים און הויבט זיי אן בעטען אז זיי זאלען צוררייסען די וועקסלען פון די אלטע חובות. פרעגען זיי איהם: ווי אזוי קאנסטו דאס בעטען אזא זאך ווען דו האסט דאך אונז די געלט ניט בעצאלט? ענטפערט ער זיי: איהר זעהט דאך אליין אז קוים וואס איך קאן די פרישע חובות צאלען איז דאך שוין פון צאלען, די אלטע אבגערעט, דאס איז א זאך וואס עס איז ניט מעגליך, איז וויבאלד אז צאלען קאן איך ניט טא וואס נוצט אייך וואס איהר האלט אויף מיר וועקסלען איז גלייכער איהר זאלט זיי צורייסען.

דאָס זעלבע איז מיט אונז היַליגע אידען ! מיר האָבען אויף זיך צוויַיערליַי חובות. מיר האָבען פרישע חובות און אלטע חובות. די אַלטע חובות רופט זיך: „חובות בשטר", אויף וועקסלען. וויַיל אַ שטר ווערט געשריבען צו האַלטען אַ לאַנגע צייַט. די אַלטע חובות ווערען גערופען אזעלכע חובות וואָס מיר האָבען שוין ניט בכח צו צאָלען. די גמרא זאָגט, אַז די ריַיכטיגע תשובה פון אַ מענשען איז אַז ער טוט תשובה אין דעם אייגענעם איינהאַלט וואָס ער האָט געזינדיגט. „באותה אשה ובאותו פרק ובאותו מקום". אָבער אַז דאָס פעלט איז שוין זיַין תשובה ניט קיין ריַיכטיגע. דאָס זעלבע דאַרף ער זיַין ביַי די אייגענע קרעפטען ווי ער איז געוועזען בעת ער האָט געטאָן די עבירה, ווי די גמרא זאָגט אין ע"ז (דף י"ט): „אשרי איש. אשרי מי שהוא עושה תשובה כשהוא איש". וואויל איז דעם מענשען וואָס ער טוט תשובה ווען ער איז נאָך אַ מענש, ד"ה ווען ער האָט נאָך די קרעפטען צו זינדיגען און דאַן טוט ער תשובה דאָס איז אַ ריַיכטיגע תשובה, אָבער דער מענש וואָס ווען ער האָט נאָר געקאָנט זינדיגען האָט ער זיך אָנגעזינדיגט גענוג און ער קומט תשובה טאָן ווען ער האָט שוין ניט קיין כח צו זינדיגען דאָס איז שוין ניט קיין גוטע תשובה. דאָס ווערט אָנגערופען אַ חוב בשטר, אויף אַ וועקסעל. נאָר דער בוי"ת איז דאָך אַ בעל רחמים בענוגענט ער זיך מיט אַזאַ תשובה אויך. ווי די גמרא זאָגט: „תשב אנוש עד דכה עד דכרוכה של נפש". דו בעססט אָן די תשובה פון דעם מענשען ווען ער טוט איהר אַפילו ווען ער האַלט שוין ביַים שטאַרבען. אָבער דאָס איז נאָר וויַיל דער בוי"ת איז אַ גרויסער בעל רחמים. דערויף בעטען מיר: „מחוק ברחמיך הרבים כל שטרי חובותינו", דו זאָלסט אָבמעקען די אַלטע חובות אונזערע וואָס מיר זיַינען שוין ניט אין שטאַנד צו צאָלען. און די חובות וואָס מיר קאָנען צאָלען היַיסען חובות בעל פה, אויסוויַיניגסטע חובות, וויַיל זיי זיַינען פרישע חובות, וואָס עס איז נאָך ניט איבערגעגאַנגען די צייַט פון תשובה.

די חובות וואָס מיר זיַינען שולדיג זיַינען צוויַיערליַי. איינס וואָס מיר זיַינען שולדיג קעגען בוי"ת אליין. און ווידער וואָס מ'איז שולדיג קעגען די וועלט. ווי דער תנא זאָגט אין אבות: „להפרע מן הרשעים שמאבדים את העולם שנברא בעשרה מאמרות" דינגר בוי"ת נעמט ניצאָלט פון די רשעים וואָס זיי פאַרדאַרבען די וועלט וואָס זי איז בעשאַפען געוואָרען דורך צעהן זאָג. „עשה מצוה אחת

אשרו שהכריע עת עצמו ואת כל העולם כלו לכף זכות עבר עגרה אחת אוי לו שהכריע את עצמו ואת כל העולם כלו לכף חוב". ווען א מענש טוט איין-מצוה האט ער זיך מיט די גאנצע וועלט איבער-געוויינען צו די שאל פון גערעכטיגקייט, האט ער געטאן איין עברה האט ער זיך מיט די גאנצע וועלט איבערגעוויינען צו שאל פון אונ-גערעכטיגקייט. און ווען מיר בעטען ביין בוי"ת ער זאל אונז שיינקען די אלטע חובות און צורייסען די וועקסלען בעטען מיר סאי די חובות וואס אנבעלאנגט נאר צו איהם, דערויף רופען מיר איהם אן „אבינו", אונזער פאטער. און מיר בעטען אויך אויף די חובות וואס באלאנגט אן אן דער וועלט, דערויף רופען מיר איהם אן „מלכנו" אונזער קעניג. „מחוק ברחמיך הרבים כל שטרי חובותינו" מעק אב מיט דיין פיעל דערבארימהארציגקייט אללע וועקסלען פון אונזערע שולדען, סיי די אייגענע סיי די וועלטליכע. ער זאל זיי געבען א הארץ אז זיי זאלען אונז מוחל זיין, ווי דער תנא ר' אליעזר בן עזרי' זאגט: „אשריכם ישראל לפני מי אתם מטהרים ומי מטהר אתכם אביכם שבשמים". וואויל איז אייך אידען פאר וועמען רייניגט איהר זיך און ווער רייניגט אייך אייער פאטער פון הימל, און ער קאן דאך געבען א הארץ אז מ'זאל מוחל זיין איינע די אנדערע.

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ הַחֲזִירֵנוּ בִּתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה לְפָנֶיךָ:

אונזער פאטער אונזער קעניג, קער אונז אום מיט א גאנצע תשובה פאר דיר.

איינער האט געליהען ביי א צווייטען מענשען א כלי צו שעפען וואסער פון ברונעם. שעפענדיג איז די כלי אריינגעפאלען אין ברו-נעם. עס איז אוועק א צייט און יענער האט איהם די כלי ניט אב-געבראכט צוריק, האט דער גענומען שטארק מאנען ביי איהם ער זאל איהם אבגעבען די כלי וואס ער האט ביי איהם געליהען. יענער האט גענומען זוכען און מיט אינסטרומענטען האט ער די כלי ארויס-גענומען פון ברונעם, די כלי איז שוין אבער געוועזען פערזונקען אין ליים און מיט די לאנגע צייט וואס זי איז געלעגען איז זי פארדאר-

בעֶן געֶוואָרעֶן . האָט דעֶר בעה"ב פון איהר ניט געֶוואָלט זי צו נעֶמעֶן . און טענה'ת צו איהם : איך האָב דאָך דיר געֶגעֶבעֶן אַ גאַנצעֶ כלי ניט קיין פאַרדאָרבעֶנעֶ , ווען דו וואָלסט זי אַרויסגעֶנומעֶן באַלד ווי זי איז אַריינגעֶפאַלעֶן וואָלט זי ניט פאַרדאָרבעֶן געֶוואָרעֶן און דו וואָלסט זי אַרויסגעֶנומעֶן אַ גאַנצעֶ ווי פריער, אָבעֶר אַז דו האָסט זי געֶלאָזט לאַנג ליגעֶן איז זי געֶוואָרעֶן פעֶרפוילט, פעֶרדאָרבעֶן און צובראָכעֶן . דאָס זעֶלבעֶ איז מיט אונז הייליגעֶ אידעֶן ! השי"ת האָט אונז געֶגעֶבעֶן אַ נשמה אַ גאַנצעֶ, אַ ריינעֶ און האָט אונז אָנגעֶזאָגט אַז מיר זאָלעֶן איהם צוריק אָבגעֶבעֶן אַ גאַנצעֶ און אַ ריינעֶ ווי ער האָט זי אונז געֶגעֶבעֶן . אָבעֶר מיר האָבעֶן זי געֶלאָזט פאַרזינקעֶן אין ליים און אין בלאָטעֶ און דאַדורך איז זי פאַרדאָרבעֶן געֶוואָרעֶן , זי איז געֶוואָרעֶן שמוציג און צובראָכעֶן . ווען מיר וואָלטעֶן זי אַרויסגעֶנומעֶן פון די שמוץ גלייך ווי זי איז אַריינגעֶפאַלעֶן וואָלטעֶן מיר זי אַרויסגעֶנומעֶן אַ גאַנצעֶ אַ ריינעֶ, אָבעֶר אַז מיר האָבעֶן זי גלייך ניט אַרויסגעֶנומעֶן און מיר האָבעֶן זי געֶלאָזט אַזוי לאַנג וואַלגעֶרעֶן זיך אין שמוץ איז זי געֶוואָרעֶן צושטעֶרט, פאַרדאָרבעֶן . דעֶרום בעֶטעֶן מיר : „החזירנו בתשובה שלמה לפניך" דו זאָלסט אונז אומקעֶרעֶן מיט אַ גאַנצעֶ תשובה פאַר דיר .

יעֶדעֶר מעֶנש פון דעֶר וועֶלט איז געֶרעֶכעֶנט פאַר אַ רינג פון דעֶר גרויסעֶר קייט . דעֶן אַלעֶ מעֶנשעֶן דאַרפעֶן זיין געֶשלאָסעֶן צוזאַמעֶן ווי אַ קייט, און יעֶדעֶר מעֶנש איז ריכטיג ווי איין איינציגעֶר רינג פון דעֶר גרויסעֶר קייט . -- דעֶר רינג וואָס ווערט געֶשלאָסעֶן צו דעֶר קייט מוז זיין גאַנץ פאַר זיך און אָנגעֶהעֶפט אָן דעֶר קייט , אָבעֶר אַז עֶר איז פאַר זיך ניט גאַנץ קאָן עֶר ניט זיין געֶשלאָסעֶן צו דעֶר קייט . אַז מיר בעֶטעֶן דעֶם בוי"ת עֶר זאָל אונז אומקעֶרעֶן מיט אַ גאַנצעֶ תשובה, בעֶטעֶן מיר סיי יעֶדעֶר מעֶנש פאַר זיך, דעֶרויף רופעֶן מיר אָן דעֶם בוי"ת „אבינו" אונזעֶר פאָטעֶר. און סיי יעֶדעֶרעֶר זאָל זיין גאַנץ צום שלום פון דעֶר וועֶלט, דעֶרום רופעֶן מיר אָן דעֶם בוי"ת „מלכנו", אונזעֶר קעֶניג . „החזירנו בתשובה שלמה לפניך" קעֶר אונז אום מיט אַ גאַנצעֶ תשובה פאַר דיר .

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ שְׁלַח רְפוּאָה שְׁלֵמָה לְחוֹלֵי עַמֶּךָ:

אונזער פאטער אונזער קעניג, שיק א גאנצע רפואה צו די קראנקע פון דיין פאלק.

איינער א קראנקער פון א קליינע שטעטיל איז געקומען צו א גרויסען פראפעסער אין א גרויסע שטאדט צו קורירען זיך. דער פראפעסאר האט אבער דערקאנט, אז דאס איז א אנשטעקענדע קראנקהייט און דער מענש איז אנגעשטעקט געווארען מיט די קראנקהייט פון אנדערע קראנקע, ווייל אין דער שטעדטיל זיינען געווען פיעל קראנקע וואס זיי זיינען קראנק געווען אויף דערזעלבער קריינק. זאגט דער פראפעסאר צום קראנקען: הער זיך איין. וואס איז די פעולה וואס איך וועל דיר געבען מיטלען און דו וועסט געזונט ווערען פון דיין קראנקהייט, אז ווען דו וועסט קומען אהיים אין דיין שטאט, צווישען די מענשען וואס זיינען אויך קראנק אויף די זעלבע קריינק וועסטו זיך וויטער אנשטעקען אן זיי און דו וועסט וויטער קראנק ווערען. דעריבער איז מיין ראטה אז איהר זאלט פון אייער שטעטיל שיקען א פראשעניע צו דער רעגירונג מ'זאל אייך שיקען א דאקטאר ער זאל אויסהיילען אלע קראנקע פון שטעדטיל, דאן וועט איהר זיין זיכער אז די קראנקהייט וועט זיך מער צו אייך ניט צוקלעפען.

דאסזעלבע איז מיט אונז היילינגע אירען! מיר זיינען קראנק אויף מחלת הנפש, אונזער זעלע איז קראנק. ווי דער רמב"ם ז"ל זאגט: „אזוי ווי ביים קערפער איז דא געזונדהייט און קראנקהייט אזוי איז ביים נפש אויך דא געזונדהייט און קראנקהייט". דען אז מיר זיינען עובר א עבירה ווערט א פגם אין נפש און זי ברויכט זיך צו היילען. חאטשי דער היילען זיך ווענדעט זיך אן אונז, ווען מיר וועלען תשובה טון צום רבש"ע מיט'ן גאנצען הארצען און מיר וועלען נעמען אויף זיך צו אבהיטען זיינע מצות ווערט דער נפש געהיילט, אבער די „שאר שבעיסה", דאס איז דער יצה"ר ער איז מעכב, ער לאזט ניט, און ווער קאן זיך שטעלען קעגען איהם; ווי די גמרא זאגט: „יצרו של אדם מתגבר עליו בכל יום ואלמלא

הקב"ה עוזרו לא יכול לו". דער יצר הרע פֿון מענשען שטאַרקט זיך אויף איהם אַלע טאָג און ווען דער בוי"ת זאָל איהם, דעם מענשען, ניט העלפֿען וואָלט ער ניט געקאָנט בײַשטײן קענען איהם. דערום דאַרפֿען מיר האָבען די הילף פֿון בוי"ת ער זאָל אונז העלפֿען היילען אונזערע נשמות. אָבער די קראַנקהייט איז „אמחלה המתדבקת" איין אַנשטעקענדע קראַנקהייט ווי די גמרא זאָגט: „הרבה חברינו רעים עושים", פֿיעל זאַכען, פֿיעל עברות ברײַנגט מיט וואָס דער מענש קאָמפּאַנירט זיך אויף מיט שלעכטע חברים, זיי פֿירען איהם אַראָב פֿון וועג, מ'קומט זיך צוזאַמען, מ'הויבט אָן ריידען רכילות, לשון הרע, אָדער פֿערברײַנגען אין אַנדערע פֿאַראַרבעניג זאַכען ביז דאָס ווערט אַ מושב לצים, און דעם ערליכען מענשען אפֿילו איז שווער זיך אַרויסצודרייען פֿון דער קאָמפּאַניע, מ'ווערט מיט גוואַלד אַרײַנגעצויגען ווייטער, און אַרײַנגעזונקען וואָס טיעפֿער און טיעפֿער. אַלזאָ דאַרפֿען מיר בעטען ניט נאָר פֿאַר זיך, נאָר אויך פֿאַר אַנדערע, פֿאַר דער גאַנצער קאָמפּאַניע מ'זאָל ניט ווערען פֿערפֿירט נאָכהער איינער פֿון צווייטען. דאַן וועלען מיר קאָנען זיכער זײַן אַז מיר וועלען זיך ניט אומקערען צו אונזער נאַרישען וועג וואָס מיר זײַנען געגאַנגען. ווען מיר בעטען פֿאַר זיך רופֿען מיר אָן דעם בוי"ת „אבינו" אונזער פֿאָטער, און ווען מיר בעטען פֿאַר אַנדערע רופֿען מיר איהם אָן „מלכנו", אונזער קעניג. „שלח רפואה שלמה לחולי עמך" שיק אַ גאַנצע רפואה צו די קראַנקע פֿון דײַן פֿאָלק אַז אַלע וועלען געהיילט ווערען וועט זײַן די רפואה אַ גאַנצע.

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ קְרַע רוֹעַ גְּזַר דִּינֵנוּ:

אונזער פֿאָטער אונזער קעניג, צורייס דאָס שלעכטעס פֿון אונזער גזר דין.

איינער האָט אַ מאָל פֿערבראָכען קענען דער רעגירונג האָט מען איהם געמשפּט לײַב־שטראָף, מ'זאָל איהם געבען פֿופֿציג שמיץ. דער דאָקטאָר האָט אָבער בעטראַכט דעם מענשען און ער האָט איינגעפֿונען אַז מ'קאָן אויף איהם די שטראָף ניט אויספֿיהרען, ווייל

ער איז צו שוואַך אויסצוהאַלטען דאָס, סײַדען מ'זאָל איהם געבען פריער אַ חדש נאָכאַנאַנד גוטע פּלעגע, האָט ער איהם פּעראָרדענט, אַז מ'זאָל איהם געבען אַלע טאָג אַ פונט פלײש מיט אַ פלאַש ווײַן אַ חודש צײַט נאָכהער וועט מען אויספיהרען די שטראָף אויף איהם. דערויף האָט מען איהם געגעבען אַ צעטיל ער זאָל דאָס אַלע טאָג אין קאַסע בעקומען. עס איז אַוועק איינִיגע טעג, איז געקומען אַ מאַניפעסט פון קעניג, אַז ער האָט געשאָנקען אַלע פּערברעכער, און דער איז אויך אין כלל. ער איז אָבער געקומען אין קאַסע מיט'ן צעטעל זײַנעם, אַזוי ווי אַלע טאָג, בעטען דעם פונט פלײש מיט די קוואָרט ווײַן. ענטפערט איהם דער קאַסיר: שוטה, דאָס האָט מען דיר דאָך נאָר געגעבען אַז דו זאָלסט קאָנען פּערטראָגען די שטראָף, אָבער איצט אַז מ'האָט דיר די שמיץ געשאָנקען טאָ פאַר וואָס קומט דיר די פלײש מיט די ווײַן

דאָס איז אָבער נאָר בײַ דין שלמטה, בײַ אַ מענשליכען דין, אָבער בײַ דין שמים איז ניט אַזוי. די גמרא זאָגט: „כל דבר שיצא מפי הקב"ה לטובה אפילו על תנאי לא חזר בו". די זאַך וואָס עס איז אַרויס פון דעם בוי"ת צו גוטען אַפילו דאָס איז געזאָגט אויף אַ תנאי האָט דער בוי"ת קײַן חרטה ניט. וואו געפינען מיר אַזאַ פאַל? דאָס געפינען מיר אין דער תוכחה פון „משנה תורה": „בנים ובנות תוליד ולא יהיו לך כי ילכו בשבי זרע רב תוציא השדה ומעט תאסוף כי יחסלנו הארבה". דו וועסט געבוירען זיהן און טעכטער און דו וועסט זײַ ניט האָבען דען זײַ וועלען גײַן אין גיפײַנגעניש. אין דײַן פעלד וועט וואַקסען אַפולע תבואה און דו וועסט ווייניג אײַנזאַמלען, דען עס וועט זײַ אויף עסען דער הײַשעריק. זעהען מיר אַז אַ מאָל גיט דער בוי"ת גוטעס צוליעב דעם אַז פון די גוטעס זאָל אַרויסקומען דער שטראָף. צו וואָס וועט דער בוי"ת געבען קינדער? כדי זײַ זאָלען גײַן אין געפײַנגעניש דען אַז ער וועט קײַן קינדער ניט האָבען וועט דאָך ניט זײַן ווער עס זאָל גײַן אין גע-פײַנגעניש. צו וואָס וועט דער בוי"ת געבען אַ פולע תבואה? עס זאָל זײַ עסען דער הײַשעריק. הײַנט ווי באַלד אַז די גוטעס וועט זײַן נאָר צוליעב דעם שטראָף, טאָ ווי דאַרף זײַן, למשל, אַז דער בוי"ת זאָל אַראָבנעמען דעם שטראָף, ער זאָל שײַנקען דאָס וואָס מ'האָט קעגען איהם פּערבראָכען דאַרף דאָך די גוטעס אויך אַראָב-גײַן, דאַרף אָט דער שולדיגער מענש קײַן קינדער ניט האָבען, אָדע-עס דאַרף בײַ איהם אין פעלד קײַן פיל תבואה ניט וואַקסען? דאָס

וואלט אָבער נאָר געווען בדיני אדם, אָבער בײַ דעם בוי"ת איז נישט אַזוי, ווײַבאַלד אַז ער האָט אַרויסגערעדט פֿון מויל געבען גוטעס אפֿילו אויף אַ תּנאַי האָט ער נישט חרטה, אַלזאָ איז חאָטשי די שטראָף מעג אַראָבגײן, אָבער די גוטעס וועט בלײַבען. חאָטשי די שמיץ איז געשאָנקען, אָבער די פֿלײש מיט די ווײַן וועט מען געבען, חאָטשי דער „ילכו בשבי" און „יחגלני הארבה" וועט אַראָבגײן, אָבער דער „בנים ובנות תלד" און דער „זרע רב תוציא השדה" וועט בלײַבען.

דאָס זעלבע איז מיט אונז הײַליגע אידען! ווען דער בוי"ת איז ח"ו גוזר אַשלעכטען גזר דין קאָן אַמאָל זײַן אַז אין דעם גזר דין זאָל זײַן אַרײַן געמישט אַגוטע זאַך. ווײַל אַן דעם האָט נישט געקאָנט זײַן די שטראָף. למשל, זײַן שטראָף איז אַז ער זאָל דעם יאָהר פֿאַר-לירען טויזענד רו"כ, ווי איז אַז דער מענש פֿאַר מאָגט נאָר די סומע געלט נישט, חתמ'ט מען איהם אָן אַז ער זאָל געווינען אָדער פֿאַר-דינען טויזענד רו"כ, כדי ער זאָל האָבען דאָס אָנצוּוערען, טאָ ווי איז אָבער אַז מיר בעטען אַז דער בוי"ת זאָל צו רײַסען דעם שלעכטען גזר דין וועט דאָך אַרויסקומען אַז ער דאַרף שוין די טויזענד רו"כ נאָר נישט געווינען? ניין, בײַ דעם בוי"ת איז נישט אַזוי, ער רײַסט נאָר אַרויס די שלעכטעס פֿון גזר דין און די גוטעס פֿון איהם שטעלט זיך אָב, דערויף בעטען מיר „קרע רוע גזר", זאָגט דער באר היטב אַז „רוע גזר" זאָל מען זאָגען צו זאַמען (מיט אמרכא טפחה), דאָס הײסט דו זאָלסט אַרויסרײַסען די שלעכטעס און די גוטעס זאָל איבער בלײַבען, חאָטשי דאָס איז נאָר געווען אויף אַ תּנאַי, אָבער אויף אַ גוטע זאַך האָט דער בוי"ת קײן חרטה נישט, אפֿילו ווען דאָס איז נאָר געווען אויף אַ תּנאַי.

דאָס וואָס מיר בעטען די גוטעס פֿון גזר דין זאָל פֿאַר-בלײַבען, דאָס איז אַלעס וואָס ער איז „אבינו" אונזער פֿאָטער און ער איז פֿול מיט רחמנות אויף אונז, און דאָס וואָס מיר בעטען אַז ער זאָל די שלעכטעס צורײַסען, איז ווײַל ער איז „מלכנו" אונזער קעניג. דען דער שטײגער איז פֿון אַ קעניג אין זײַן געבורטס טאָג אָדער אין דעם קרײנונגס טאָג איז מען מוחל אַלע פֿאַרברעכער. אַזוי בעטען מיר דעם בוי"ת אַז אין ראש השנה וואָס דאָס איז זײַן קרײ-נונגס טאָג ווי מיר זאָגען, „זה היום תחלת מעשיך" זאָל ער מוחל זײַן אַלע פֿאַרברעכען קעגען איהם און זאָל שענקען אַלע שטראָפֿען

און זאָל צו רייסען די שלעכטעס פון אונזער גזר דין „קרע רוע גזר דיננו“.

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ זָכְרֵנוּ בְּזִכָּרוֹן טוֹב לְפָנֶיךָ:

אונזער פאָטער אונזער קעניג, געדיינק אונז צום גוטען גידעכטעניס פאַר דיר.

צוויי גענעראַלען האָבען פאַרזינדיגט פאַר'ן קעניג, מען האָט זיי איבער געגעבען צום געריכט און די ריכטער האָבען זיי געוואָלט פאַר'משפט'ן צו באַשטראָפען מיט אַשווערע שטראָף. זיינען זיי צו געפאַלען צום קעניג צו די פיס און האָבען איהם אָנגעהויבען בעטען ער זאָל זיי בעפרייען. זיי האָבען איהם אָנגעהויבען בעטען מיט די ווערטער: אַדונינו קעניג! דער מאָן זיך נאָר וויפיל מלחמות מיר האָבען איין גענומען, וויפיל מאָל זיינען מיר געגאַנגען אין שטרייט פון דיינט וועגען, וויפיל מאָל האָבען מיר זיך געאָפפערט פאַר דיר. אמת טאַקע מיר האָבען איצט פאַר בראָכען, אָבער מיר בעטען דיר אַז דו זאָלסט נאָר געדיינקען די גוטעס וואָס מיר האָבען געטאָן און דאָס שלעכטעס זאָלסטו ניט דערמאָנען. דער קעניג האָט געהייסען דעם משפט אָבלייגען אויף אַ אַנדער מאָל. אונטער דער צייט איז דער קעניג אַרוים געקליידעט ציוויל צווישען זיין אַרמעע וועלכער, זעהען און בעטראַכטען ווי זיינע גענעראַלען פירען זיך אויף. האָט זיך איהם געטראָפען צו זעהען ווי אַנ'אָפיצער האָט זיך פאַרשולדיגט קעגען איינעם פון זיינע גענעראַלען, און ער האָט איהם שטאַרק באַשטראָפט און עס האָט ניט געהאָלפען די געבעט וואָס יענער האָט זיך ביי איהם געבעטען, אָט טאַקע מיט די איינענע ווערטער וואָס דער גענעראַל האָט זיך געבעטען ביין קעניג. אָבער דער גענעראַל האָט זיך געמאַכט ניט הערענדיג און האָט אויסגעפירט די שטראָף וואָס ער האָט אַרויפגעלייגט אויף איהם.—מיט'ן צווייטען גענעראַל האָט זיך אויך געטראָפען אַזאַ געשיכטע, וואָס אַנ'אָפיצער האָט פאַרזינדיגט און ער האָט איהם געוואָלט באַשטראָפען און יענער האָט אָן געהויבען איהם בעטען און אויפווייזען אַז ער האָט

פיל גוטעס געטאן קומט איהם אז מען זאל איהם אמאל דורך לאזען עפעס ניט קיין גרויסען פארברעך, און דער גענעראל האט אנגענומען זיינע טענות פאר ריכטיגע און האט איהם בעפרייט. נאכהער האט דער קעניג געהייסען באשטימען אויף א צווייטען מאל דעם משפט און יענעם גענעראל האט מען פאר-משפט צו באשטראפען און דעם צווייטען האט מען פריי געשפראכען. האט אנגעהויבען דער גענעראל טענה'ן פאר'ן קעניג: אדוני המלך, מיט וואס בין איך ערגער פאר יענעם? מיר האבען דאך ביידע איין פערברעך באגאנגען, פאר וואס זע האט מען יענעם פריי געשפראכען און מיר האט מען פארשולדיגט? ענטפערט איהם דער קעניג: אט אזוי ווי איהר האט זיך געפירט מיט די וואס האבען קעגען אייך געזינדיגט, אזוי פירט מען זיך מיט אייך. יענער האט אנגענומען די טענות פון פארברעכער קעגען איהם פאר ריכטיגע האב איך אנגענומען זיינע טענות ווענען זיין פארברעכען קעגען מיר אויך פאר ריכטיגע, אבער דו האסט ניט געלייגט קיין אכט אויף יענעמס טענות און געבעט ווענען זיין פארברעכן קעגען דיר לייג איך ניט קיין אכט אויף דיינע טענות און דיין געבעט קעגען מיר.

דאס זעלבע איז מיט אונז, הייליגע אידען! די גמרא זאגט אין ברכות (דף ל"א). „גם אלה תשכחנה זה מעשה עגל שנאמר אלה אלהיך ישראל, ואנכי לא אשכחך זה מעשה סיני שנאמר אנכי ה' אלהיך". די מעשה עגל, דאס הייסט די שלעכטעס וואס אידען טוען פארגעסט דער בוי"ת, און די מעשה סיני, ד"ה די גוטע מעשים וואס מיר טוען פארגעסט דער בוי"ת ניט. דאס איז אבער אלעס גערעט אז מיר צווישען זיך וועלען זיך אויך אזוי פירען, אז מיר וועלען פארגעסען די שלעכטעס וואס איינער טוט נעגען צווייטען און די גוטעס וועלען מיר געדיינקען דאן וועט זיך דער בוי"ת מיט אונז אויך אזוי פירען, אבער ווען מיר וועלען זיך מיט'ן צווייטען אנדערש פירען, ווי קאנען מיר בעטען דעם בוי"ת ער זאל זיך מיט אונז אזוי פירען? אלזא הייליגע אידען! אט מיר דארפען דאך קומען איצט בעטען דעם רבונו של עולם ער זאל פארגעסען די שלעכטעס וואס מיר האבען געטאן קעגען איהם דארפען מיר אויך פארגעסען די שלעכטעס וואס מען האט קעגען אונז געטאן, און מיר דארפען זיך מוחל זיין איינער דעם אנדערען וועט אונז השי"ת אויך מוחל זיין. און מיר בעטען „אבינו" אלעס ער איז אונזער פאטער וועט ער רחמנות

האָבען אויף אונז און וועט אונז מוחל זיין, און מיר בעטען איהם ווייטער ער זאָל געבען אהארץ אונזערע ברידער אז זיי זאָלען אונז מוחל זיין און מיר זאָלען איינע די אנדערע מוחל זיין, און דאָס בעטען מיר איהם אלעס „מלכנו" וואָס ער איז אונזער קעניג און דאָן „זכרנו בזכרון טוב לפניך", וועט ער אונז דערמאָנען נאָר די גוטעס וואָס מיר האָבען געטאָן.

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ כָּתְבֵנוּ בְּסֵפֶר חַיִּים טוֹבִים:

אוּנְזֶער פָּאטֶער אוּנְזֶער קֶענִיג, שְׁרַייבּ אוּנְז אָן אִין דֶעם בּוּךְ צוּם גוּטֶען לֶעבֶּען.

איינער א יונגער מאן (אמשרת) האָט געדינט אין א גרויסען געשעפט און מען האָט איהם געצאָהלט אגרויסען לוין (שבירות). ער איז אויך געוועזן אויף אלעס פארטיגען, עסען און טרינקען איז אלץ געוועזן אויף דעם בעה"ב טיש. מיט אמאל האָט דער בעה"ג בעמערקט אז דער משרת איז ניט ראיעל אין געשעפט, האָט ער איהם אבגעזאָגט פון זיין שטעלע. האָט ער אָן געהויבען בעטען דעם בעה"ב ער זאָל איהם לאָזען זיין ביי איהם אין שטוב אפשר וועט ער קריגען א אנדערע שטעלע. דער בעה"ב האָט אויף איהם רחמנות געהאט און האָט איהם געלאָזען דערווייל זיין ביי איהם, אבער וואָס ער האָט גענעסען און געטרונקען האָט ער פארשריבען אין א בוך. דער יונג האָט אבער געמיינט אז ער עסט אלץ אומזיסט האָט ער זיך ניט געזאלעוועט אביסל בעסער עסען, בעסער טרינקען, עס איז אוועק אהיבשע צייט האָט איהם דער בעה"ב דערלאנגט ארעכענונג וואָס עס באטרעפט זיין עסען און טרינקען אין דער צייט וואָס ער האָט גאָר נישט פארדינט. דער מענש האָט זיך אָן געהויבען רייסען די האָר פון קאָפּ. אוי!--זאָגט ער—וואָס האָב איך געטאָן? וואָס האָב איך אזוי גוט געלעבט? איך האָב געדארפט וויסען, אז ווי באלד איך בין ניט אין חשבון פון דעם בעה"ב באדינער וועט אויף אלעס זיין א רעכענונג. ער וועט מיר קיין זאך ניט שענקען, איך וועל פאר אלעס מוזען באצאָלען. איצט בין איך

געבליבען נאקעט און הויל, די עטליכע רובל וואס עס איז געבליבען פון מיין פארדינסט האב איך שוין אויך פארצערט. וואס העלפט דאס אבער אז ער האט זיך צו שפעט ארום געזעהן.

דאס זעלבע איז מיט אונז היילינגע אידען! בעת דער מענש היט די מצות פון בוי"ת איז אלץ וואס ער עסט און טרינקט נוט דאס איז אלץ אויף דעם חשבון פון השי"ת, און דעם מענשען ווערט גאר ניט אב גערעכענט דער פון. אבער אז דער מענש זינדיגט און ער איז עובר אויף א איסור כרת ר"ל און זיין זעלע ווערט אב געשניטען פון כלל ישראל פון ארץ החיים, ווי עס שטייט אין דער תורה הקדושה, „ונכרתה הנפש ההיא". איז חאטשי ער פערבלייבט נאך לעבען אויף דער וועלט אבער דאס גייט שוין אויף זיין איינענעם רעכענונג, ער וועט מוזען פאר יעדער זאך באצאלען; אויף אלץ וואס ער האט הנאה פון דער וועלט וועט מען איהם געבען ארעכענונג. און טאמער איז איהם עפיס איבער געבליבען פון זיינע פריערדיגע פארדינסטען, פון זיינע פריערדיגע מצות ומעשים טובים וואס ער האט געטאן, וועט ער דאס איצטער פארצערען. עס דוכט זיך איהם אז ער לעבט אויף דער וועלט אבער אך און וויי איז צו אזא לעבען, דאס איז אביטערער לעבען. ער בייט אוים די טייערע בורליאנטען וואס ער האט זיך צוגעגרייט אויף יענער וועלט, אויף נארישקייט אויף פוסטקייט. ניט אזא לעבען פאר לאנגען מיר, ניט אויף אזא לעבען בעטען מיר, מיר בעטען אויף א גוטען לעבען.

תוספות זאגט אין ברכות וואס איז דער פשט וואס די גמרא זאגט: „תרי מכתבי מלייהו בספר הזכרונות". אז צוויי מענשען טוען א מצוה ווערט זייערע רייד איינגעשריבען אין ספר הזכרונות איז די כונה „עם אחרים", מיט אנדערע צוזאמען, איז די זעלבע וואס מיר בעטען דא: „כתבנו בספר חיים טובים" מיינט מען אויך צו זאמען מיט אנדערע, ווארום יעדער מענש דארף בעטען ניט נאר פאר זיך אליין נאר ער דארף אויך בעטען פאר'ן צווייטען. דאס וואס מיר בעטען פאר זיך בעטען מיר אלעם וואס ער איז „אבינו" אונזער פאטער, און וואס מיר בעטען מיר זאלען זיין פארשריבען מיט אנדערע צוזאמען בעטען מיר אלעם ער איז „מלכנו" אונזער קעניג „כתבנו בספר חיים טובים".

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ כָּתְבֵנוּ בְּסֵפֶר גְּאֻלָּה וִישׁוּעָה:

אונזער פאטער אונזער קעניג, שרייב אונז אין בוך פון ערלייזונג און הילף.

איינער א רייכער מענש איז געפארען אין וועג, האט ער געטראפען אנגעפאנגענעם מענשען, די פיינגער האבען איהם גע-פייניגט און האבען מיט איהם זייער שווער געארבייט. ער האט אויף איהם רחמנות געהאט און האט געגעבען די פיינגער אסך געלט און האט איהם אויסגעלייזט פון זייערע הענט. ער האט איהם גענומען צו זיך אין הויז און ער האט איהם געהאלטען אויף זיין טיש מיט עסען, טרינקען און קליידען און אלעס וואס אמענש דאויף האבען. ווען ער האט זיך מיט איהם מעהר בעקאנט, האט ער געזעהן אז ער איז זייער אפייהיגער מענש און ער האט איהם צו גענומען צו זיך אין געשעפט און האט איהם געגעבען א גוטע שטעלע מיט גוטע געהאלט. דער מענש איז געוועזן זייער צופרידען און זייער פאר וואונדערט פון די חסדים פון יענעם רייכען מאן וואס ער האט מיט איהם גוטעס געטאן און איז איהם זייער דאנק-באר געוועזן, און האט איהם פאר אלעמען געריהמט פאר א גוט-הערציגען מענשען.

דאס אלעס, הייליגע אידען! טוט דער בוי"ת מיט אונז; ער האט אונז אויסגעלייזט פון די הענד וואס האבען אונז געפייניגט און דערצו טוט ער נאר טובות מיט אונז אויך און ער גיט אונז חיונה און מיר דארפען איהם פאר אלעס זייער דאנקבאר זיין.

„גאולה", אויסלייזען, גיהער אייגענטליך צו אפאטער. די גמרא זאגט אין גיטין (דף מ"ה): „אין פודין את השבוים יתר על כדי דמיהם" מ'טאר ניט אויסלייזען די געפאנגענע ווען מען פאדערט פאר זיי מעהר געלט וויפיל זייער ווערדע איז: אבער אפאטער אקינד מעג יא געבען מעהר פאר זיין ווערט: ווי די גמרא זאגט דארטען אז לוי בר דרגא האט אויסגעלייזט זיין טאכטער פאר צוועלף טויזענד רענדליך: הייסט אז מיר בעטען דעם בוי"ת ער זאל אונז אויסלייזען בעטען מיר איהם ער זאל אונז אויסלייזען אלעס ער איז „אבינו" אונזער פאטער, אז מען חעט אפילו פארלאנגען פאר אונזערע אויסלייזען מעהר פאר אונזער ווערדע זאל ער אונז אויך אויסלייזען.

און „ישועה״, הילף, פאסט מעהר פאר א קעניג דען אפאטער מיט אקינד רעלענט זיך דאך ניט אוים ווען ער גיט איהם עסען און טרינקען און בעט דערפאר קיין באלאהנונג ניט, אבער ביי אקעניג איז דאס זיין חסד וואס ער ניט אגוטע שטעלע אז יענער זאל פאר־דינען ביי איהם זיין חיונה, איז אז מיר בעטען „ישועה״, הילף בעטען מיר אלעס ער איז „מלכנו״, אונזער קעניג: און מחמת אלעס צוזאמען בעטען מיר: „כתבנו בספר גאולה וישועה״:

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ כָּתְבֵנוּ בְּסֵפֶר פַּרְנָסָה וְכַלְכָּלָה:

אונזער פאטער אונזער קעניג, שרייב אונז אין בוך פון פרנסה און שפייזונג.

א ארעמער מענש איז געקומען צו אגביר אגרויסען פאבריקאנט, וואס די סחורה פון זיין פאבריק ווערט פארקויפט אין גאנץ ווייטע געגענדען, און האט געבעטען ער זאל איהם שיקען אלעס קאמיסיאנער פון זיין פאבריק אין איינעם פון די ווייטע געגענדען, ער האט דאס געטאן און ער האט איהם אוועק געשיקט ערגיץ וואו אין א ווייטער מדינה. און ער האט איהם אהינצו געשיקט סחורה אויסגעארבייטע פון זיין פאבריק: יענער האט די סחורה פארקויפט און האט זיך גאנץ געשמאק פאר דינט. ער איז אבער ניט געווען צופרידען, ווייל יענע מדינה איז געווען ניט קיין פרוכטבארע און ער האט ניט געהאט דארטען זיינע באקוועמליכקייטען וועגען עסען. שרייבט ער אוועק אבריף צום גביר דעם פאבריקאנט און באדאנקט איהם זייער פאר וואס ער האט איהם געגעבען דעם פלאץ, מען פארדינט דא גאנץ גוט, אבער ער באדויערט זיך פאר איהם וואס דער געגענד איז ניט פרוכטבאר און קריגט ניט וואס ער וויל צום עסען, אלזא בעט ער איהם ער זאל איהם בעשטימען איין אנדער געגענד וואס זאל פרוכטבאר זיין, דער גביר האט דאס איהם אייך געטאן און האט איהם אוועק געשיקט אין אנ׳אנדער געגענד, א ארץ זבת חלב ודבש. ער איז אנגעקומען אהינצו האט ער געזעהן אז מען קאן דא אלעס קריגען און מען קאן דא לעבען אגוטען טאג,

און איז פארלויפיג געווען צופרידען, ער נעמט אבער האנדלען, עס גייט ניט, עס איז קיין פרנסה ניטא, די סחורה גייט דא ניט ווייער און מען גיט ניט קיין פרייזען ניט פאר די סחורה און עס איז ניטא פון וואנען צו לעבען. שרייבט ער ווייטער אוועק אבריף צום גביר און באדאנקט איהם פאר זיין חסד, נאר שרייבט ער איהם—וואס איז מיר די פעולה וואס דאס איז אפרוכטבארע לאנד און מען קריגט אלעס צום עסען אז דא זיינען אבער די פארדינסטען ווייער שוואכע, ווייזט מיר שוין אייערע גרויס געגאדע און שיקט מיך אין א ארט וואס עס זאל בייידע זאכען זיין אי פרנסה אי פרוכטבארקייט, עס זאל זיין וואס צו עסען.

אט דאס זעלבע איז מיט אונז, היילינגע אידען! עס טרעפט א מענש אז דער בוי״ת גיט איהם פרנסה, ער פארדינט גאנץ גוט, אבער עס איז קיין כלכלה ניטא, עס איז ניט קיין אונטערשייד אויב עס איז בכלל ניטא וואס צו עסען, עס איז א הונגער יאהר אדער די וועלט האט יא וואס צו עסען נאר ער אליין האט ניט, ווייל זיין צו שטאנד פון זיין געזונט לאזט איהם ניט. ווידער טרעפט אז איינער וואלט געקאנט עסען און עס איז אויף דער וועלט אויך דא וואס צו עסען נאר ער האט קיין פרנסה ניט, ער האט ניט פאר וואס צו קויפען, ער פארדינט גאר ניט. דערום אז מיר קומען איצט בעטען דעם בוי״ת אויפן נייעם יאהר באנוגענען מיר זיך ניט מיט איין זאך אליין, מיט פרנסה אליין אדער מיט כלכלה אליין נאר מיר בעטען אז דער רבש״ע זאל אונז געבען בייידע זאכען, פרנסה וכלכלה.

די גמרא זאגט אין ברכות (דף ג׳): „כיון שעלה עמוד השחר״ ווי עס איז טאג געווארען „נכנסו חכמי ישראל אצלו״, זיינען די חכמי ישראל אריין געגאנגען צו דוד המלך ע״ה און האבען איהם געזאגט: „אדונינו המלך עמך ישראל צריכין פרנסה״, דיין פאלק ישראל דארפען פרנסה. האט ער זיי געענטפערט: „לכו והתפרנסו זה מזה״, גייט ווערט נעשפייזט איינער פון צווייטען, האבען זיי איהם געזאגט: „אין הקומץ משביע את הארי ואין הבור מתמלא מחולייתו״. איין הייפיל קאן ניט זאט מאכען דעם לייב, און אגרוב ווערט ניט פול מיט איהרע ערד וואס מען האט פון איהר אויסגע־גראבען, זאגט ער צו זיי „לכו פשטו ידיכם בגדוד״. גייט האלט מלחמה מיט די אומות. דער געדאנק פון דעם מאמר איז אזוי: די חכמי ישראל זאגען צו דוד המלך אז די אידען דארפען פרנסה, האט ער

זײַ צוערשט געגעבען אַ עצה זײַ זאָלען האַנדלען און פאַרדינען אײנער פון צװײַטען, דערױף האָבען זײַ איהם צװײַ תשובות געגעבען, די ערשטע תשובה איז: „אין הקומץ משביע את הארי", װײַל דאַן איז נאָך ארץ ישראל ניט געװען אײַן גענומען אין גאַנצען, און די ביסל לאַנד װאָס עס האָט זיך געפונען אין די אידישע הענט איז דאַן געװען זײַער גרױס (יהודה וישראל רבים כחול הים) און דער הײַפעל ערד קאָן ניט זאַט מאַכען דעם לײַב, דעם גרױסען כלל ישראל, טאָ װאָס איז די פעולה װאָס זײַ װעלען שױן אפילו יאָ האָבען פרנסה, זײַ װעלען פאַרדינען געלט אָבער מיט געלט קאָן מען דאָך ניט לעבען מען דאַרף דאָך האָבען װאָס צו עסען (כלכלה), דאָס איז אײַנס, און װידער זאָגען זײַ אַז פרנסה קאָן מען אױך ניט האָבען. אײנער האָט אַמאָל געװיזען דעם קיסר אַז די געהאַלט װאָס ער גיט פאַר די זעלנער קומט זײַ ניט אָן אין גאַנצען, האָט ער גענומען אַהױפען זאַלץ און האָט דערלאַנגט דעם צװײַטען, דער צװײַטער האָט דערלאַנגט דעם דריטען און אַזױ װײַטער ביז עס איז געקומען צום צעהנטען איז שױן גאָר װײַניג געבליבען, װײַל אַזאָך װאָס גײַט רק איבער פון האַנט צו האַנט װערט אַלץ געמינערט ביז עס בלײַבט דער פון נישט, װײַל אָן יעדער האַנט קלעפט זיך אַביסל אָהן: אָט דאָס זעלבע האָבען זײַ איהם ערקלערט מיט דער גרוב, אַז מען גראָבט אױס די ערד פון איהר און מען װיל זי צוריק פאַר שיטען װערט זי ניט פול מיט די ערד װײַל עס פעלט זיך ביסלעך װײַז און עס װערט אָן געקלעפט אָן דעם אָרט װאו עס איז געלעגען אַזױ איז אױך װען מ'האַנדעלט װערט אַביסל צו געקלעפט, צו יעדערען, אײנער גיט ניט אַזױ פיל אױם װיפיל ער פאַרדינט פעלט דאָך דאָס שױן אָב פון צװײַטען, האָט ער זײַ געזאָגט: לכו פשטו ידיכם בגדוד", נײַט האַלט מלחמה און פאַרגרעסערט די לאַנד אײערע װעט איהר האָבען מער פעלד צו בעאַרבעטען.

אלוא פריער האָט ער זײַ געגעבען אַ עצה װי אַ פאָטער און אַ גוטער פרײַנד פון אַ פאָלק אַז זײַ זאָלען האַנדלען װעלען זײַ האָבען פרנסה, און װען זײַ האָבען איהם געענטפערט אַז האָבען פרנסה אַלײַן איז ניט גענוג מען דאַרף האָבען כלכלה אױך, האָט ער זיך שױן באַנוצט מיט זײַן קעניגליכער קראַפט און האָט געהײַסען מלחמה האַלטען. דאָס זעלבע בעטען מיר אױך בײַן

רבש״ע, אַלעס „אבינו״ וואָס דו בּיסט אונזער פֿאָטער בּעטען מיר אויף פרנסה, און אַלעס „מלכנו״ וואָס דו בּיסט אונזער קעניג בּעטען מיר אויף כלכלה: „כתבנו בספר פרנסה וכלכלה״.

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ כָּתְבֵנוּ בְּסֵפֶר זְכֻיּוֹת:

אונזער פֿאָטער אונזער קעניג, שרייב אונז אין בוך פֿון גערעכטיגקייט.

איינער האָט געהאַט אויף זיך אַשווערען פֿאַרבּרעך, ער האָט געשטע״לט אַדוואָקאַטען, (פֿאַרטיידיגער) זיי זאָלען איהם פֿאַרטיידיגען פֿאַר די ריכטער, די פֿאַרטיידיגער האָבּען אַפילו פיל גערעט אום איהם צו פֿאַרטיידיגען אָבּער עס איז געוועןֿ אָן ערפֿאָ״ג, זייערע רייד איז בּיי די ריכטער ניט געוועןֿ אָן גענומען און עס האָט געהאַלטען אַז מען זאָל איהם פֿאַרשולדיגען. דער מענש האָט געהאַט אַ אַלטע מוטער וואָס ער האָט איהר געהאַלטען בּיי זיך און ער האָט איהר מפרנס געוועןֿ. איז געקומען די אַלטע מוטער טענה'ן פֿאַר די ריכטער און בּעטען פֿאַר איהר זוהן זיי זאָלען איהם בּאַפֿרייען פֿון איהרט וועגען און זי האָט געזאָגט צו די ריכטער: אדוני השופטים, איהר הערען ריכטער! איהר זעהט דאָך אַז איך בּין אַנ׳אַלטע פֿרוי און אַשוואַכע און איך בּין ניט פֿאַרמעגליך צו פֿאַרדינען פֿאַר זיך צום לעבּען, און אָט דער זוהן מיינער האַלט מיר אוים מיט חיונה. און ווען איהר וועט איהם בּאַשולדיגען און איהר וועט איהם בּאַשטראָפֿען, דאַמיט נעמט איהר אַוועק פֿון מיר מיין חיונה, לאָז זיין אַז מיין זון האָט טאַקע פֿאַרבּראָכען, אָבּער איך האָבּ דאָך גאָר ניט פֿאַרבּראָכען, און אויבּ איהר וועט איהם בּאַשולדיגען און בּאַשטראָפֿען דאַמיט וועט איהר אויך מיר בּאַשטראָפֿען, און איך וועל צוליבּ דעם ליידען, דען איך וועל דאַרפֿען שטאַרבּען פֿון הונגער; און אויבּ איהר וועט אויף איהם רחמנות האָבּען און ער וועט אַרוים גיין פֿריי פֿון געריכט צו ליבּ מיר, וועט ער וויסען מעהר מיר צושעצען און ער וועט זיך בּאַשליסען צו פֿאַרבּעסערן זיינע טהאַטען כדי ער זאָל מיר ניט פֿאַרשאַפֿען נאָך אַמאָל פֿאַרדרוס דורך זיינע שענדליכע

טהאטען וואָס ער איז געוועזען געוויינט צו טאָן בּיז אהער. די ריכטער האָבּען אויף איהם רחמנות געהאַט און זיי האָבּען איהם באַפרײַט.

הײליגע אידען! אַט מיט די טענות קומען מיר אויך צום רבש״ע. עס שטייט אין פּסוק: „אם יש עליו מלאך מליץ אחד מני אלף להגיד לאדם ישרו ויחננו ויאמר פדעהו מרדת שחת מצאתי כפר״. אַז עס איז דאָ איין מלאך וואָס ער זאָגט אַזכות אויף דעם מענשען קענען טויזענד וואָס זאָגען אַחוב ווערט דער מענש אויס געלייזט פון טויט. די כּונה איז דורך דעם זכות וואָס איין מענש האָט ווערט דער צווייטער מענש אויך באַפרײַט, די גמרא זאָגט אין ראש השנה (דף י״ח). „כל באי עולם עוברין לפניו כבני מרון, מאי כבני מרון כבני אמרנא, א״ר יוחנן וכלם נסקרין בסקירה אחת״, זאָגט פריער די גמרא אַז ראש השנה איז דער בוי״ת בן יעדען איינציגען מענשען באַזונדער אַזוי ווי די שעפּסעליך וואָס זיי גייען דורך דורכ׳ן טירעלע איינציגווייז, ווען מען ציילט זיי צו געבּען מעשר, אַזוי משפּט ער די מענשען אויך איינציגווייז. און נאָכהער זאָגט ער אַז אַלע ווערען דורך געקוקט מיט איין בּליק, זאָגט אויף דעם הגאון ר׳ יעקב יאָסעף זצ״ל מ״מ דווילנאָ ורב הכולל דק״ק נויאָרק. פריער קוקט דער בוי״ת דורך דעם זכות פון יעדער מענשען באַזונדער, טאָמער האָט דער מענש אַ איינענעם זכות ער זאָל קאָנען צו ליב איהם בּלײַבּען לעבּען ער זאָל ניט דאַרפען אַנקומען צו קיין פרעמדען זכות, דאָס איז „כבני אמרנא״ ווי די שעפּסעלעך, ווי זיי גייען אַרויס איינציגווייס, אַזוי קוקט ער דורך יעדערענס זכות באַזונדער טאָמער וועט ער מיט זײַן זכות קאָנען געווינען. ווען דער מענש האָט אָבּער ניט קיין איינענעם זכות וויל מען טאָמער האָט ער אַזכות דורך אַנ׳אַנדערען, צום בּײַשפּיל: איינער אַרײַכער מאַן איז געוועזען פאַרשולדיגט ראש השנה און צוליב זײַנע שלעכטע טהאַטען וואָלט מען איהם געדאַרפט פאַר משפּט׳ן אַז ער זאָל דעם יאָהר שטאַרבּען. אָבּער דער מענש האָט געהאַט בּײַ זיך אין געשעפט אַ משרת און דער משרת האָט געהאַט אַזכות אַז ער זאָל בּלײַבּען לעבּען און ער זאָל האָבּען פרנסה. און אויב אַז דער רײַכער מאַן וועט שטאַרבּען וועט דער משרת בּלײַבּען אָן אַשטעלע און וועט ניט האָבּען קיין פרנסה, דערום לאָזט מען לעבּען דעם נגיד צו ליב זײַן משרת כּדי אַז זײַן משרת זאָל האָבּען פרנסה, דאָס איז דער פּשט: וכלם נסקרין בסקירה אחת״, אַלע ווערען דורך געקוקט מיט איין בּליק. נאָך מעהר, אַמאָל טרעפט אַז דער משרת אַליין האָט אויך ניט קיין זכות צו בּלײַבּען לעבּען.

נאָר דער משרת האָט אַקינד און ער גיט דעם קינד צו אַ מלמד לערנען און ער צאָלט פאַר איהם גוטע שכר למוד, הײַנט אַז דער נגיד וועט שטאַרבען וועט מען דעם קינד ניט געבען אין חדר, מען וועט ניט צאָלען אַזעלכע גוטע שכר למוד ווי ער האָט געצאָלט וועט לײַדען דער מלמד אַ אונשולדיגער, בלײַבט לעבען דער נגיד צוליב דעם מלמד פון זײַן משרת אינגעל, און אַמאָל קאָן נאָך טרעפען אַז דער מלמד אַלײן האָט אויך קײַן זכות ניט נאָר ער האָט אַדינסט און אַז דער נגיד וועט שטאַרבען וועט דער משרת בלײַבען אָן אַשטעלע וועט ער דעם אינגעל ניט געבען אין חדר וועט דער מלמד דער דינסט ניט קאָנען צאָלען בלײַבט דער נגיד לעבען צו ליב דעם משרת מלמד'ס דינסט, און אַזוי ווײַטער. דאָס איז דער פשט „וכלם נסקרים בסקירה אחת", מען באַנוצט זיך מיט דעם זכות פון אײנעם אויפ'ן צווײַטען חאָטשי דער איז ניט ווערט, נאָר כדי עס זאָל ניט לײַדען אַ צווײַטער אַ אונשולדיגער באַפרײַט מען דעם. אָט דאָס בעטען מיר „אבינו" אונזער פאָטער, דו זאָלסט יעדערען מזכה זײַן מיט זײַן זכות און ווען ער האָט ניט קײַן אײגענעם זכות בעטען מיר „מלכנו" אונזער קעניג, ער זאָל מזכה זײַן אײנעם מיט'ן זכות פון צווײַטען. עכ"פ „כתבנו בספר זכיות".

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ כָּתְבֵנוּ בְּסֵפֶר סְלִיחָה וּמְחִילָה:

אונזער פאָטער אונזער קעניג, שרײַב אונז אין בוך פון פאַרגעבונג און פאַרצײַהונג.

אײנער איז געגאַנגען פאַר בײַ אַנ'אײַזען באַהן, זעהט ער ווי עס גײט אַגרויסער צוג מיט וואַגאָנען און - פאָראויס גײט נאָר אײן לאָקאָמאָטיוו און שלעפט זײ, וואונדערט ער זיך ווי קען דאָס אײן לאָקאָמאָטיוו שלעפען אַזוי פיעל וואַגאָנען וואָס דאָס באַשטײט פון אַזאַ שווערע משא? ענטפערט איהם דער חבר וואָס איז געגאַנגען מיט איהם: מײן ניט אַז די וואַגאָנען זײַנען באַלאָדענע מיט סחורה. נײן, די וואַגאָנען זײַנען אַלע לײדיגע. דאָס האָט מען אין זײ אוועק געפירט סחורה און די סחורה האָט מען אָבגעלאָדען דאָרטען ערגעץ

אויף א סטאנציע און יעצט פיהרט מען די וואגאנען אב צוריק לעדיגע, פרעגט איהם דער ווידער: טא ווי זיינען זיי פריער גע-גאנגען געלאדענע? ווי האט זיי איין לאקאמאטיוו געשלעפט? ענטפערט איהם יענער: פריער, ווען די וואגאנען זיינען געגאנגען געלאדענע זיינען טאקע געגאנגען צוויי לאקאמאטיוון, דען ווען עס גייט אשווערער צוג גייען טאקע צוויי (און אמאל אויך דריי לאקאמאטיוון, דאן גייט איינער הינטען אדער אין מיט'ן) אבער יעצט אז די וואגאנעס זיינען לעדיגע איז גענוג אז איין לאקאמאטיוו זאל זיי פירען. הייליגע אידען! אט די זעלבע קשיא האבען מיר צו פרעגען אויף אונז אויך. דער גאון ר' ישראל סלאנטער זצ"ל האט געפרעגט אקשיא: ווי באלד אז ראש השנה משפט דער בוי"ת דעם מענשען אויף זיינע מעשים וואס ער האט געטאן אין דעם פארגאנגענעם יאהר, און דערויף ווערט באשטימט זיין שיקזאל אויפ'ן קומענדען יאהר, און יוהכ"פ טוט מען תשובה אויף די זינד, וואלט דאך געוועזען גלייכער אז פריער זאל זיין יוכ"פ און נאכהער ראש השנה, דאן וואלט מען יום כפור תשובה געטאן און ריין ווערען פון די זינד וואלט מען זיכערער געוועזען אין דעם יום הדין פון ראש השנה אז מען וועט אויספועל'ן אגוט יאהר? דערויף ענטפערט ער: אז ווען יום כפור וואלט געוועזען פאר ראש השנה וואלט קיין מענש ניט ערוועקט זיך תשובה צו טאן יום כפור. דען די גייסטליכע זאכען ערוועקען ניט אזוי דעם מענשען. דעריבער האט דער בוי"ת געמאכט אז ראש השנה זאל זיין פריער און דער נאך יום כפור, כדי אז ער וועט קומען ראש השנה בעטען אויף אגוט יאהר, דען דערצו ווערט א מענש גיכער דערוועקט, ווייל אגוט יאהר וויל דאך יעדערער, לעבען וויל דאך יעדערער, וועט ער זיך דאמאלסט דער-וועקען אויך תשובה צו טאן יוהכ"פ אריכטיגע תשובה. און דאס —זאגט ער— איז דער פשט פון מדרש: ה' אורי וישעי, אורי בראש השנה וישעי ביוהכ"פ. דער בוי"ת איז מיין דער לייכטער ראש השנה און מיין הילף יום כפור. ווייל ראש השנה דער לייכטעט ער דעם מענשען די אויגען דורכ'ן „זכרנו לחיים", ער זאל תשובה טאן יום כפור, קומט אויס נאך זיינע רייד, אז דער ראש השנה, דער זכרנו לחיים איז דער לאקאמאטיוו. און דער יום כפור דער אשמנו מיט'ן על חטא זיינען די וואגאנען וואס זיי ציהען זיך נאך. ווייל צוליב דעם זכרנו לחיים פון ראש השנה דערוועקט ער זיך צו קלאפען זיך אין הארצען יום כפור, הייגט וועלען מיר

פרעגען : דער לאקאמאטיוו, דער זכרנו לחיים, דוכט זיך איז דער זעלבער וואס אמאהל אין די פערצייטיגע יאהרען איז געוועזן. און די וואגאנעס, דער „אשמנו" מיט'ן „על חטא" איז היינט אנדערש ווי אמאל איז געוועזן, אמאל זיינען זיי געוועזן ליידיגע וואגאנעס, א ליי־דיגער „אשמנו", א פוסטער „על חטא" און היינט זיינען זיי פולע גע־לאדענע, דען וואס איז געוועזן דער אמאליגער „אשמנו" וואס א איד האט זיך געקלאפט אין הארצען ? עס איז מעגליך אז עס איז גאר נישט געוועזן, דער איד האט זיך געקלאפט אין הארצען וויל עס שטייט געדרוקט אזוי אין סידור אדער אין מחזור. און וואס איז געוועזן דער „גזלנו" וואס א איד האט זיך אמאל אויף איהם געקלאפט אין הארצען און וואס איז דער „גזלנו" וואס ער קלאפט זיך היינט ? יעדערער פארשטייט אז עס איז א גרויסער אונטערשייד צווישען זיי. און דאס זעלבע איז מיט'ן „טפלנו שקר", אמאל אז א איד האט זיך געקלאפט אין הארצען אויפ'ן „טפלנו שקר" האט ער זיך געדארפט, איבערהויפט, קלאפען אויפ'ן „טפלנו" דען זיין גאנצער שקר איז בלויז געוועזן „דברים טפלים" פוסטע זאכען, ער האט דערציילט אמעשה אליגען וואס עס איז קיינעם ניט נוגע, עס האט קיינעם קיין שאדען ניט געמאכט, און איצט דארף ער זיך קלאפען אין הארצען דער עיקר אויף דעם „שקר", דען עס איז טאקע א שקר וואס עס האט אראב געפיהרט מענשען פון וועג, וואס האט מענשען אוני־גליקליך געמאכט, אמאל איז געוועזן דער „טפלנו" דער עיקר, ער האט געטפלט, געפלוידערט, האט זיך אגב, פארביינדיג אויס געפלוידערט א „שקר" אויך און היינט איז טאקע דער „שקר" געווארען דער עיקר. היינט איז דאך א קשיא : ווי אזוי קאן דער זעלבער לאקאמאטיוו, דער זעלבער „זכרנו לחיים", וואס ער האט געשלעפט פאר צייטען די ליידיגע וואגאנעס שלעפען היינט געלא־דענע וואגאנעס מיט אשמנו, מיט גזלנו, מיט שקר, תרמית, לשון הרע ורכילות

נאר הערט זיך צו, היילגע אידען ! וואס איך וועל אויף דערויף ענטפערען : אין אמת'ן איז טאקע דער לאקאמאטיוו, דאס הייסט דער „זכרנו לחיים" היינטיגע יאהרען אויך אנדערש ווי אין די פערצייטיגע יאהרען איז געוועזן, גאנץ אנדערש, פיל שטארקער און פיל גרעסער. לאמיר זעהן : פאר צייטען אז א איד איז געקומען בעטען זכרנו לחיים ? אין וואס איז בעשטאנען זיין זכרנו לחיים ? וואס האט ער פארלאנגט צום לעבען ? ער

האט פארלאנגט „לחם לאכול" אפראסטע שטיקעל ברויט צום עסען, „ובגד ללבוש". אפראסטען בגד צום אן טאן, אזוי פאר זיך און אזוי פאר זיין ווייב און פאר זיינע קינדער, און וואס פארלאנגט היינט א איד ווען ער בעט „זכרנו לחיים"? אוי! היינטיגער לעבען פארערט גאר אנדערש ווי עס האט געפארערט פארצייטיגער לעבען. קיין פראסטע ברויט קאן ער ניט עסען, דאס וועט איהם שאדען צו זיין געזונט, קיין פראסטען בגד קאן ער ניט אן טאן דאס וועט איהם שאדען זיין קרעדיט, מען מוז וואוינען ווי א מענש מיט גרויסע זאלען, מיט טייערע שפיגלען, מיט גוטע מעבעל. און ווער רעדט אז מען האט נאך ערוואקסענע טעכטער ביי היינטיגע צייט, דוכט זיך אז אלע מיני קליידער און תכשיטין וואס ישעי' הנביא האט גערעכענט אין קאפ' ג' פון די בנות ירושלים איז נאך ביי היינטיגע צייט אויך ווייניג, אויסער די אלע פערגעניגענדען וואס מ'סטראיעט ביי א סעודה. היינט פארשטייט מען שוין פיל שטארקער דער לאקאמאטיוו פון „זכרנו לחיים" איז היינט קענען פארצייטען. נאך מער, א פארצייטיגער „זכרנו לחיים" האט פארנומען אגאנץ קליינעם קרוג. דען פאר וועמען בעט א מענש „זכרנו לחיים"? פאר זיך מיט זיינע קינדער. וואו האבען זיך געפונען זיינע קינדער? אלע זיינען געווען ארום איהם, אין איין הייפעלע אין איין ווינקעלע אין בית המדרש. האט ער געבעטען „זכרנו לחיים" אט פאר דעם ווינקעלע. ווי גרויס איז אבער דער קרוג פון „זכרנו לחיים" ביי היינטיגע יאהרען? הייליגע אידען! וואו זיינען היינט אונזערע קינדערלעך? צושפרייט אין דער גאנצער וועלט! אין אמעריקא און אפריקא און אין אויסטראליען! אוי, ווי גרויס דער קרוג פון „זכרנו לחיים" איז, וואס א איד בעט היינט! נאך מער. פארצייטיגע יאהרען איז ניט נייטיג געווען צו בעטען פאר די קינדער. מען איז זיכער געווען אז די קינדער וועלען בעטען פאר זיך אליין. אבער היינט?.. היינט מוזען מיר בעטען פאר זיי!.. נאך מער. פאר צייטיגע יאהרען האט מען אין אלע פאלען ניט געדארפט אינטערעסירען זיך וועגען פרעמדע, יעדערער האט פאר זיך געבעטען לעבען, ער האט פאר זיך געבעטען געזונט, ער האט פאר זיך געבעטען פרנסה. היינט אבער? היינט מוז ער בעטען פאר יענעם וואס ער וואהנט אין זיטאמיר, ווייל ער האט איהם ארויס געשיקט סחורה אויף אנאכנאמע דארף ער בעטען פרנסה פאר איהם ער זאל קאנען די נאכנאמע לייזען, פאר א צווייטען וואס וואהנט

אין בערדיטשוב, ווייל ער איז איהם שולדיג אויף א וועקסעל ער זאל קאָנען דעם וועקסעל צאָלען אין דער צייט. פארשטייען מיר אז היינטיגער „זכרנו לחיים" פארנעמט אגאנץ גרויסען קרוג און האט אגאנץ שטארקען קראפט און ער האט טאקע בכח צו שלעפען געלאָרדענע וואגאָנעם מיט אשמנו און על חטא.

נאָר חאטשי ראש השנה איז פאר יום כפור, דאך בשעת מען בעט „זכרנו לחיים" ראש השנה דארף מען האבען עפיס די יוםכפורדיגע אויך אין זינען און תשובה טאָן וועט דער בוי"ת מוחל זיין די עבירות און אן שרייבען אגוט יאָהר, דעריבער בעטען מיר אויך ראש השנה אז ער זאל אונז איין שרייבען אין דעם ספר פון סליחה ומחילה דען אזוי ווי די וואגאָנעם דארפען זיין צו געבונדען צום לאָקאָמאָטיוו, אזוי דארפען זיין צונויף געבונדען די ענינים פון ראש השנה מיט די ענינים פון יום כפור, און דאס איז דורך דעם וואס מיר בעטען אויך אום ראש השנה סליחה ומחילה

לויט ווי מיר האבען שוין ערקלערט איז דער אונטערשייד פון סליחה צו מחילה: סליחה הייסט וואס דער בוי"ת היילט דעם פעלער פון דער עבירה וואס זי האט געמאכט אין נפש פון מענ-שען. און מחילה הייסט וואס דער בוי"ת איז מוחל וואס מען האט געטאָן קעגען איהם און ער באשטראפט ניט פאר דעם. סליחה בעטען מיר אלעם וואס ער איז „אבינו", אונזער פאטער, און מחילה בעטען מיר אלעם „מלכנו" וואס ער איז אונזער קעניג. גרינגער צו בעטען איז ביי אפאטער אודער ביי א קעניג. דערום זיינען מיר מקדים פריער סליחה און נאכהער מחילה, און בעטען כתבנו בספר סליחה ומחילה.

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ הַצְמַח לָנוּ יְשׁוּעָה בְּקָרוֹב:

אוּנְזֶער פָאטֶער אוּנְזֶער קֶענִיג, מַאךְ שְׁפְּרָאצֶען פַאר אוּנְז אַהִילְף בַּאלְד.

ביי די גרויסע פראָפעסאָרען אין אויסלאנד ווערט געגעבען די פאציענטען צעטלען מיט נומערען, און דער וואס קומט

פֿריִער באַקומט אַ פֿריִערדינען נומער און ער ווערט ניכער אָננעקומען בײַ'ן פּראָפֿעסאָר. עס האָט אָבער אַמאָל פּאַסירט אַז עס איז געקומען אַנגעפֿערליכער קראַנקער וואָס עס איז ניט געווען מעגליך פֿאַר איהם צו וואַרטען ביז עס וועט קומען זײַן אָצערעד, האָט ער אָנגעהויבען קלאַפּען צום פּראָפֿעסאָר ער זאָל איהם גלײַך עפֿענען, ווען די קראַנקהײַט איז אַנגעפֿעהרליכע, דער פּראָפֿעסאָר האָט געפּרובט זאָגען ער זאָל געהן בײַ אַנ'אַנדער דאָקטאָר, ווען ער קאָן איהם פֿאַר דער צײַט ניט אָנ־נעמען. האָט דער קראַנקער געענטפֿערט אַז ער איז שוין געוועזען בײַ אַפּולע דאָקטוירים און געטאָן די אַלע מיטלען וואָס זײ האָבען איהם געגעבען און עס האָט איהם ניט געהאָלפֿען, דערום איז ער צו איהם געקומען אַז ער מיט זײַן גרויס חכמה זאָל אויס געפֿינען עפּעס אַנײַעס מיטל פֿאַר איהם, און אין דעם נויטיגט ער זיך טאַקע וואָס ניכער ווײַל די קראַנקהײַט איז זײער אַנגעפֿעהרליכע און ער קאָן מעהר ניט וואַרטען.

דאָס זעלבע איז מיט אונז, הײַליגע ברידער! די געפֿאַר איז אַזוי גרויס אַז מיר האָבען קײן קרעפֿטען צו וואַרטען ביז עס וועט קומען אונזער אָצערעד, מיר האָבען אָב געטאָן אַלע מיטלען און עס איז אָן נוצען געוועזען, און מיר האָבען שוין קײן אַנדער הילף ניט, מיר מוזען זיך ווענדען צום גרויסען פּראָפֿעסאָר, צום בוי״ת אַז ער זאָל אויסגעפֿינען פֿאַר אונז אַ נײַעס מיטעל, אַנײַע הילף, איידער עס וועט קומען די צײַט נאָר בקרוב, באַלד.

ווען דער דאָקטאָר גיט דעם קראַנקען אַ רעצעפּט דאַרף דער קראַנקער נעמען דעם רעצעפּט צוליב זײַנע אייגענע נוטצען, אָבער אויב ווען דער קראַנקער וויל זײַן געזונט ניט פֿאַר היטען און איהם אַלײַן אַרט ניט פֿאַר זיך, דאַרף דאָס דעם דאָקטאָר ניט אַרען. ווי איז אָבער ווען אַזעלכער גײַט אין שטרײַט און ער איז געוואָרען פֿאַר־חאונדעט אָבער ער קאָן נאָך געהײַלט ווערען און גײַן ווײַטער אין שטרײַט, און מען האָט איהם אַרײַן געלײַגט אין שפּיטאָל און געגעבען מיטלען, און ווען ער וועט די מיטלען ניט נעמען, איז ניט געגוג וואָס ער וועט לײַדען שמערצען פֿון זײַנע חאונדען, איז דאָס אויך אַגרויסער פֿאַרברעך געגען די רעגירונג, ווײַל דאַמיט מאַכט ער זיך אַרויס פֿון צו דינען דעם קעניג. דאָס זעלבע איז אויך מיט אונז, הײַליגע אידען! די רפואות וואָס השי״ת גיט אונז איז אויסער דעם וואָס זײ זײַנען פֿאַר אונזערע נוצען, איז דאָס אויך אַבאַפֿעל פֿון בוי״ת און מיר מוזען דאָס פֿאָלגען, און אויב מיר

וועלען ניט פאלגען איז אויסער וואס מיר וועלען בלייבען פאר־וואונדעטע וועט דאס נאך זיין אגרויסער פארברעך קעגען בוי״ת און ער וועט דאפיר שטארק באשטראפען.

אויף נאך אפאל שטדיינגט אן דער דאקטאר זיינע קרעפטען אז דער קראנקער זאל נעמען די מעדעצין און טאן די מיטלען וואס ער האט איהם פארארדענט. און ער וועט זיך ניט בענוגענען דאמיט וואס דער קראנקער וועט ליידען די שמערצען פון זיינע וואונדען. אויב דער קראנקער איז דעם דאקטארס אזון, דאמאלסט וועט דער דאקטאר אן ווענדען אלע קרעפטען צו ווירקען אויפ׳ן קראנקען ער זאל נעמען די רפואות און ער זאל ווערען געהיילט פון זיין קראנקהייט.

הײנט לאמיר זיך פארשטעלען: אז דער קראנקער וואס איז געקומען צום פראפעסאר קלאפען אין טהיר ער זאל איהם עפענען בעפאר עס איז געקומען די צייט, האט איהם שוין דער פראפעסאר געגעבען מיטלען און ער האט פארבראכען און האט די מיטלען ניט גענומען, וועט איהם שוין דער פראפעסאר ענטפערען? געוויס ניט. טא ווי אזוי קאנען מיר קומען בעטען דעם בוי״ת ער זאל פאר אונז אויספינדען אמיטעל און אין גיכען, ווען ער האט אונז שוין לאנג פארזאגט מיר זאלען נעמען זיינע מיטלען און מיר האבען ניט גענומען?

מיר האבען דאך אבער פריער ערקלערט צוויי פאלען ווען דער דאקטאר אינטערעסירט זיך אז דער קראנקער זאל יא נעמען זיינע מיטלען אפילו ווען ער האט איהם שוין אמאל ניט געפאלגט. איינס ווען דער קראנקער איז דעם דאקטארס אזון, דאן רעכענט ער זיך ניט מיט זיין כבוד וואס ער האט איהם ניט געפאלגט, אדער דער קראנקער איז אזעלנער וואס דארף נאך געהן אין דער מלחמה, דאן נויט מען איהם נעמען די רפואות ער זאל נאך קאנען גיין דינען דעם קעניג. דאס בעטען מיר איצט: „אבינו״ ער זאל זיך מיט אונז רעכענען אדער ווי א פאטער מיט קינדער און זאל לייגען זיין רחמנות אויף אונז אדער: „מלכנו״ ווי א קעניג מיט זיינע זעלנער וואס זיי דארפען איהם דינען. „הצמח לנו ישועה בקרוב״.

דאס נאך פאר אונז קיין גרויסע נוצען ניט, דערום בעטען מיר דיר איצטער אז דו זאלסט דאס מפרסם זיין אויף דער גאנצער וועלט אז דו ביסט אונזער קרוב זאלען אלע וויסען דעם יחוס דיינעם צו אונז, וועט אונזער נאמען געאכטעט ווערען צווישען די אומות העולם, און זיי וועלען זיך ווענדען צו אונז מיט גרויס עהרע, אט דאס בעטען מיר: „הרם קרן ישראל עמך".

דאס איז דאך אבער אלץ גערעדט אז מיר וועלען זיך אויך מתייחס זיין מיט אונזער קרובשאפט צו איהם, ווי איז אבער אז מיר וועלען זיך פון איהם ערווייטערען, ווי קאנען מיר פערלאנגען פון איהם אז ער זאל זיך ארויסווייזען פאר אקרוב צו אונז? נאר מיר געפינען אבער די גמרא זאגט אין סנהדרין דף צ״ז לדעת ר׳ יהושע): „ישראל בין עושין תשובה ובין אין עושין תשובה נגאלין" סיי אידען וועלען יא טאן תשובה, סיי אידען וועלען ניט טאן תשובה וועלען זיי אלץ אויסגעלייזט ווערען. דער אונטערשייד איז נאר אין דעם: אויב זיי וועלען טאן תשובה זיינען זיי גלייך ווי קינדער, דען אקינד באדינט דעם פאטער מיטען גוטען ווילען. און אויב זיי פון זיך איין וועלען קיין תשובה ניט טאן נאר ע״פ נויט, ווערען זיי ניט גערעכענט פאר קינדער נאר פאר קנעכט. דערום בעטען מיר, סיי מיר וועלען טאן תשובה מיטען גוטען ווילען ווי א קינד און דו ביסט „אבינו" אונזער פאטער, און סיי מיר וועלען טאן תשובה ע״פ נויט און דו ביסט, „מלכנו" אונזער קעניג, אין אלע פאלען „הרם קרן ישראל עמך".

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ הָרֵם קֶרֶן מְשִׁיחֶךָ:

אונזער פאטער אונזער קעניג, ערהויב דעם האָרען פון דיין געזאלבטען.

איינער א מענש איז געגאנגען אין גאס, זעהט ער ווי אין גאס שטייט א אָרעמער קינד און אייניגע קינדער פון רייכע עלטערען רייצען זיך מיט איהם, שלאגען איהם און שטויסען איהם פון איינעם צום אנדערען, און מענשען גייען פאר ביי און קיינער רעדט ניט קיין ווארט, און דאמיט גיבען זיי די קינדער צו מעהר מוטה

צו ריַיצען זיך און צו שלאָגען נאָך מעהר דעם אָרעמען קינד, דען זיי זעהן אַז ער איז עלענד און עס איז ניטאָ ווער עס זאָל איהם קומען צו הילף. איז דער מענש צוגעגאַנגען צו די קינדער און האָט זיך אויף זיי אָנגעבייזערט און אָן געשריען, און האָט זיי געזאָגט אַז זיי וועלען ווייטער מיט איהם זיך ריַיצען וועט ער זיי באַשטראָפען. ווי די קינדער האָבען געזעהן אַז דער אָרעמער קינד האָט אויך אַבעשיצער פאַר זיך, ער האָט אויך ווער עס זאָל זיך פאַר איהם אָנגעמען, האָבען זיי שוין איהם מעהר ניט אָן גערירט, זיי האָבען איהם שוין געלאָזען צורוה. די גמרא זאָגט אין סוטה (דף מ״א): משל של יעקב ועשו למה הדבר דומה לאדם שזימן את חברו והכיר בו שמבקש להרגו אמר לו טעם תבשיל זה שאני טועם כטעם שטעמתי בבית המלך, אמר לו ידע לו מלכא מסתפי ולא קטל לי׳, יעקב האָט געזאָגט צו עשו׳ן „ראיתי פניך כראות פני אלקים ותרצני״. איך זעה דיין געזיכט איז ריכטיג ווי איך האָב געזעהן די געזיכט פון מלאך, זאָגט די גמרא דערצו אַמשל: ווי איינער האָט פאַר בעטען דעם צווייטען צו מיטאָג, האָט ער דערקאָנט אין יענעם אַז ער וויל איהם הרגנ׳ן. זאָגט ער צו איהם: דער עסען וואָס איך עס דאָ האָט דעם זעלבען טעם ווי דער עסען וואָס איך האָב געגעסען ביים קעניג אין הויז האָט יענער דערהערט אַז ער האָט בעקאַנטשאַפט ביים קעניג אין הויז האָט ער מורא געהאַט פאַר איהם און האָט איהם ניט געהרגעט. אַזוי האָט איהם יעקב געגעבען אַ אָן צו הערעניש אַז ער טרעפט זיך מיט מלאכים כדי עשו זאָל מורא האָבען פאַר איהם. דאָס זעלבע געפינען מיר אין פסוק (תהלים קל״ב): „שם אצמיח קרן לדוד ערכתי נר למשיחי, אויביו אלביש בושת ועליו יציץ נזרו״. דאָרטען וועל איך מאַכען שפּראָצען דעם האָרען צו דוד המלך. איך האָב צו געגרייט אַליכטיגקייט צו מיין געזאַלבטען זיינע פיינד וועל איך מאַכען אָן קליידען מיט שאַנד און אויף איהם וועט שיינען זיין קרוין, דאָס זעהט מען אַז פון די שאַנד וואָס עס וועלען ליידען די פיינד וועט זיין ליכט אויף געלויכטען ווערען.

הייליגע אידען! מיר זעהען אַז איצט איז די אמונה אין ביאת המשיח זייער שוואַך געוואָרען, פאַר וואָס איז דאָס אַזוי? ווייל מען זעהט אַז דער איד האָט קיין ווערט ניט, מען טרעט איהם אומעטום מיט די פיס, וואָס איינער וויל רעדט ער אויף איהם, און וואָס איינער וויל טוט ער איבער איהם, דאָס איז אַלץ ווייל דער איד איז עלענד און ער האָט אויף זיך קיין באַשיצער ניט, ווען אָבער

אז דער בוי״ת וועט אָנפּאַנגען צו דער הויבען דעם אידען און ער וועט מאַכען צו שאַנדע זיינע געגנער, דאַן וועט מען זעהן אז דער איד איז עפּיס אויך אַ מענש. און דאַן וועט מען זיך קאָנען פאַר־שטעלען און גלויבען אין דעם אידישען צוקונפט. דאָס וואָס דער בוי״ת וועט אונז אויף הויבען איז ווייל ער איז „אבינו“, אונזער פאָטער, און דאָס, וואָס ער וועט נעמען ראַכע פון אונזער פיינד איז ווייל ער איז „מלכנו“ אונזער קעניג, דאָס בעטען מיר איהם: „הרם קרן משיחך“.

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ מַלֵּא יָדֵינוּ מִבִּרְכוֹתֶיךָ:

אונזער פאָטער אונזער קעניג, מאַך פול אונזערע הענד מיט דיין גליק.

איינער אדאָרפסמאַן איז געקומען אין שטאָט אין א וויין געשעפט מיט זיינע אפּעסעלע קויפען וויין. מען האָט איהם אין געשעפט אָן געגאָסען די פּעסעלע וויין און מען האָט איהם אריין געלייגט אין זיין וואַגען און ער איז אוועק געפאָרען אהיים, ער קומט אהיים ער נעהמט אראָב די פּעסעלע פון פור, זי איז אלעדיגע, לויפט ער אין שטאָט אין וויין געשעפט מיט אגעוואַלד: וואָס האָט איהר מיר אָב גענארט? איך האָב דאָך בעצאָהלט געלד, וואָרום האָט איהר מיר קיין וויין ניט געגעבען? זיי ווייסען אָבער אז זיי האָבען איהם יאָ געגעבען אפולע פּעסעלע מיט וויין. זיי בעטראַכטען די פּעסעלע זעהען זיי אז די פּעסעלע איז ארינענדיגע, די קלעפּקעס זיינען קרומע און עס פּאַסט זיך ניט צו איין קלעפּקע צו דער צווייטע, האָבען זיי איהם באַוויזען אז זיי זיינען ניט שולדיג וואָס די וויין איז ארויס פון פּעסעלע, דען זיי האָבען איהם אָן געגאָסען די פּעסעלע אפולע מיט וויין און וואָס די וויין איז ארויס ווייל די פּעסעלע איז געוועזען אשלעכטע, ארינענדיגע, דאָס איז ניט זייער שולד.

און דאָס זעלבע הייליגע אידען איז מיט אונז אויך! די גמרא זאָגט: „לא מצא הקב״ה כלי מחזיק ברכה לישראל אלא השלום“. דער בוי״ת האָט ניט געפונען קיין כלי וואָס זאָל אויף האַלטען די

ברכה פאר אידען נאר שלום, דאס הייסט אז דער בוי"ת גיט ברכה פאר אידען נאר מען דארף האבען א כלי וואס עס זאל די ברכה אויף האלטען. איז דאס נאר דער שלום, דען דער כלל ישראל איז גערעכענט פאר איין כלי און יעדערער איינציגער איד איז נאר א קלעפקע פון דער גרויסער כלי, איז ווען די אידישע הערצער זיינען נאהענט איינע צו די אנדערע הייסט דאס אז די כלי איז אגאנצע און עס האלט זיך איין דאס וואס מען גיסט אין איהר אריין. אבער ווען די אידישע הערצער זיינען פונאנדער גערוקט איינע פון די אנדערע הייסט דאס אז די כלי איז ניט קיין גאנצע קאן זיך ניט איינהאלטען אין איהר וואס דער בוי"ת גיסט אריין אין איהר.

נאר צו זיין אגאנצע כלי איז נאך ניט גענוג וואס די קלעפקעס זאלען זיין נאהענט איינע צו די אנדערע, נאר יעדער קלעפקע באזונדער מוז אויך גאנץ זיין און זי דארף זיין צו געפאסט צו דער צווייטער. דאס זעלבע איז מיט אונז, היילינע אידען. אנדערש קאנען מיר ניט רעכענען זיך פאר אגאנצע כלי סיידען אז יעדער איינציגער מענש דארף זיין גאנץ פאר זיך און נאכהער צו געבונדען צום צווייטען, דערום בעטען מיר דעם רבש"ע ער זאל אונז העלפען דערצו מיר זאל זיין גאנץ יעדערער פאר זיך, דאס בעטען מיר אלעס „אבינו" וואס ער איז אונזער פאטער. און ווידער בעטען מיר ער זאל אונז זיין צו הילף, מיר זאלען זיין געבונדען מיטען צווייטען מיטן כלל ישראל, און דאס בעטען אלעס ער איז „מלכנו", אונזער קעניג, און דאן וועט זיין די כלי אגאנצע וועט ער ערפילען אונזער געבעט וואס מיר בעטען: „מלא ידיך מברכותיך".

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ מַלֵּא אֲסָמֵינוּ שָׂבָע:

אונזער פאטער אונזער קעניג, מאך פול אונזערע אוצרות מיט זעטיגקייט.

אנביר האט געמאכט חתונה זיינע אקינד, און האט אויך אמאלצייט געמאכט פאר ארעמע לייט. אויפין מאלצייט זיינען געקומען פון

די אָרעמע לייט פֿאַרשידענע מענשען; צום טיש האָט מען דערלאַנגט פֿערשידענע מאכלים פֿון דער פֿולער האַנד ווי עס פּאַסט פֿאַר אַגרויסען גביר. די אָרעמע לייט זיינען געווען נעביך אַלע הונגעריגע האָבען זיי זיך צו געכאַפּט צום עסען און האָבען זיך אָן גענעסען צו זאַט. נאַכהער האָט מען דערלאַנגט נאָך אַגעריכט, די אָרעמע לייט האָבען שוין מער ניט געקאָנט עסען, אייניגע פֿון זיי האָבען זיך דערפֿון ניט באַקימערט וואָס זיי קאָנען מער ניט עסען אבי זיי זיינען זאַט, זיי האָבען דעם הונגער פֿאַרטריבען. זיי האָבען דעם בעה״ב. דעם בעל שמחה געדאַנקט און געבענטש און זיי זיינען אַוועק געגאַנגען, דער בעה״ב פֿרעגט זיי וואָרום עסט איהר ניט מעהר, מען האָט דאָך דערלאַנגט נאָך גוטע זאַכען צום טיש? ענטפֿערען זיי, מיר זיינען ניט געקומען צו זוכען קיין פֿערגניגען פֿון די גוטע מאכלים מיר זיינען נאָר געקומען דעם הונגער פֿערטרייבען, און ווי באַלד אַז מיר האָבען שוין גענעסען צו זאַט זיינען מיר זייער צופֿרידען, האָט זיי דער בעה״ב גענעבען שיינע נדבות און זיי זיינען אַוועק אַהיים לשלום. עס האָבען זיך אָבער אויך געפֿונען אַנדערע אָרעמע לייט וואָס זיי האָט פֿאַרדראָסען וואָס זיי קאָנען ניט עסען פֿון די גוטע געריכטען וואָס מען האָט אָן געשטעלט אויפֿ'ן טיש, זיינען זיי אַרויס געגאַנגען אין דרויסען און זיי האָבען קינסטליך אויסגעבראָכען די פֿריערדיגע עסענס וואָס זיי האָבען גענעסען כדי זיי זאָלען קאָנען מעהר עסען, און אַזוי האָבען זיי געטאָן ביי די ווייטערדיגע געריכטען, דער בעה״ב האָט דאָס אַלץ צו געזעהן און ער האָט געשוויגען. ווען זיי זיינען אַוועק געגאַנגען און זיי האָבען זיך געזעגענט מיט'ן בעה״ב האָט ער זיי אָבער גאָר ניט געגעבען קיינע נדבות, ווען זיי פֿרעגען איהם פֿאַר וואָס האָט ער יענע געגעבען אַזעלכע גרויסע נדבות און זיי ניט? האָט ער זיי געענטפֿערט: יענע, די פֿריערדיגע אָרעמע לייט זיינען געקומען אַלס נויט באַדערפֿטיגע, זיי האָט געדריקט דער הונגער, דען ווי זיי זיינען זאַט געוואָרען זיינען שוין אַוועק געגאַנגען און זיי האָבען קיין פֿערגניגען געהאַט אויפֿ'ן מאָלצייט, האָב איך זיי געגעבען שיינע נדבות זיי זאָלען אויך האָבען פֿאַר זייערע הויז געזינדען דעם הונגער צו פֿאַרטרייבען. אָבער איהר זייט דאָך געקומען צו האָבען פֿערגע־ניגען, און דאָס האָט איהר דאָך ערגרייכט, טאָ וואָס זשע ווילט איהר מעהר? דאָס זעלבע זאָגט דער פסוק (משלי יג): „צדיק אוכל לשובע נפשו ובטן רשעים תחסר״. דער צדיק עסט צו זאַט, און

ווי באַלד אַז ער איז זאַט געוואָרען דאַרף ער שוין ניט מער, ער
וועלט ניט קיין פערגעניגען פון זיין עסען. אָבער דער רשע באַנוגענט
זיך ניט מיט דעם וואָס ער איז זאַט און אַז מען גיט נאָך אַ געריכט
ברעכט ער אויס די פריערדיגע ער זאָל האָבען אַ אָרט אַליידיגען
אין בויך וואו ווייטער צו פּאַקען, —אין פ׳ בחוקותי שטייט: „אם
בחקותי תלכו ואת מציתי תשמורו וגו׳ ואכלתם את לחמכם לשבע".
ווען איהר וועט געהן אין מיינע געזעצען און איהר וועט היטען
מיינע מצות וועט איהר עסען אייער ברויט צו זאַט. דאָס איז ביי
צדיק אַברכה, אָבער ביי דשע איז דאָס גאָר קיין ברכה ניט, אָט
דעריבער איז טאַקע ביי מן אַזוי געווען; די צדיקים האָבען געקליבען
אַביסל און האָבען זיך דערמיט באַנוגענט און די רשעים האָבען
געוואָלט הנאה האַבען פון דעם עסען האָבען זיי געקליבען אַ סך,
און זיי האָבען געשטויסען אין אַ שטויסעל און האָבען געקאָכט אין
אַ טאָפּ אַרויס צו ברייגגען דערפון פיערלייע געריכטען. דאָס בעטען
מיר: „מלא אסמינו שבע", ער זאָל שיקען אַברכה אין די גידערים
אַז וויפיל מען זאָל עסען זאָל מען זאַט זיין דאַמיט.

יעצט וועלען מיר זיך אומקערען צום משל וואָס מיר האָבען
געבראַכט. דער בעה״ב חאָטשי ער איז מער געווען צופרידען מיט
די אָרעמע לייט וואָס האָבען אָבגעגעסען צו זאַט און האָבען ניט
פאַרלאַנגט מעהר קיין פאַרגעניגען צו האָבען פון די גוטע געריכטען
וואָס מען וועט נאָך ברייגגען און ער האָט זיך צו זיי בעסער געווענ־
דעט, פון דעסטוועגען, ער פון זיין זייט האָט צו גינרייט פער־
שידענע גוטע שפייזען פאַר זיינע געסט און האָט ניט געפאָדערט
פון זיי זיי זאָלען זיך אָן עסען צו זאַט מיט וואָס עס איז און זאָלען
אַוועק געהן אַהיים. דען אַזוי דאַרף זיין. דער מענש פאַר זיך דאַרף
זיך באַנוגענען מיט וואָס עס איז אַבי צו זיין זאַט, אָבער ווען ער
נעמט אַ אורח ביי זיך אויפ׳ן טיש דאַרף ער אָן גרייטען פאַר
איהם וואָס בעסער צו עסען. די גמרא ברייגגט אויך וויפיל מאָהל:
„חתיכה הראוי׳ להתכבד לפני אורחים", אשטיק פלייש וואָס פאַסט
צו דער לאַנגען פאַר אַ ארח. ווי מען דערציילט אויף איינעם אַבטלן
פון ר׳ יונה סלוצקערס בית המדרש וואָס דעם גאַנצען לעבען
האָט ער געלעבט מיט ברויט און מיט באָרשץ (וויערס). אַמאָל איז
ער זיך מישב און זאָגט צו זיין ווייב: דו ווייסט מיין ווייב מיר
האָבען דאָך אָבגעלעבט אַ לעבען און מיר האָבען נאָך גאָר קיין
מאָל אויף אונזער לעבען ניט פאַרזוכט קיין הון און עס קאָן דאָך

זײַן אַז מיר װעלן שטאַרבען און װעלען גאָר ניט װיסען דעם טעם פֿון אַ הון, איז בײַ מיר געבליבען אַז מען דאַרף איין מאָל אױפֿ'ן לעבען פֿאַר זוכען דעם טעם פֿון אַהון. די אַלטע זײַנע האָט איין געשטימט צו זײַנע רייד. נעמט ער אַרױס זײַן בײַטל געלד און גיט איהר אַז זי זאָל גײַן קױפֿען אַ הון און פֿאַר זאָגט איהר אַז זי זאָל קױפֿען אַגוטע הון. אַז יאָ עסען איין מאָל אױפֿ'ן לעבען אַהון— זאָגט ער דאַרף מען שױן עסען טאַקע אַגוטע הון. די װײַב האָט אַזױ געטאָן. זי איז אַרױס אין גאַס און זי האָט געקױפֿט די בעסטע הון װאָס איהר האָט זיך געטראָפֿען צו קױפֿען, אַלע מענשען האָבען אױף איהר געקוקט מיט פֿאַרװאונדערונג, װײַ האָבען דאָס קײַן מאָל פֿון איהר ניט געזעהן. זי איז אַװעק אַהײם און די הון געלאָזט שעכטען, הײַנט דאַרף מען די הון קאָכען, זי װײס אָבער ניט װי מען קאָכט אַ הון, זי האָט דאָס קײַן מאָל ניט געקאָכט, זאָגט צו איהר דער מאַן דער בטלן זי זאָל גײַן צו ר' יונה'ן אין קיך װעט איהר די דינסט פֿאַרגאַנרער זאָגען װי מען קאָכט אַהון און װאָס פֿאַר אצודאַטען מען דאַרף האָבען דער צו, בשמים, געװירצען, און ער האָט איהר געגעבען געלט אַז זי זאָל דאָס אַלץ איין קױפֿען און צופֿראַװען. װען די הון איז שױן פֿאַרטיג געװאָרען, זאָגט דער מאַן צו איהר: דו װײסט מײַן װײַב, אַז מען עסט שױן יאָ אַמאָל אױפֿ'ן לעבען אַהון, פֿאַסט דאָך ניט צו עסען אַגוטע הון אױף אַפּראָסטען טישטוך און מיט אַ פּראָסטע הילצערנע לעפֿעל מיט אַלײמענעם טעלער, װי װײַ זײַנען געװען געװײנט שטענדיג. גײ צו ר' יונה'ס דינסט װעט זי דיר לײַען אַפּאָרצעלײַענעם טעלער מיט אַ זילבערנע לעפֿעל. זי האָט דאָס אַזױ געטאָן, און האָט דערצו אַרױס גענומען אַרײַנעם אַ פּסח'דיגען טישטוך פֿון קאַסטען און געגרײט צום טיש, און דערצו האָט מען נאָך געקױפֿט אסטרינאַװע ליכט און אָן געצונדען גאָר יום טוב'דיג מיט גרױס פֿאַראַד. נאַכהער זאָגט דער מאַן צו איהר: אַז אַ גוטע הון צו עסען פּאַסט עפּעס ניט אַלײן, מען דאַרף נעמען אַ אורח צום טיש, זי האָט איהם איין געשטימט דערױף אױך. ער איז אַװעק אין בית המדרש און האָט טאַקע געפֿונען אַשײנעם אורח און האָט איהם געבראַכט אין שטוב און אװעקגעזעצט בײַן טיש. נאָך דעם זאָגט ער צו דער װײַב: דו װײסט מײַן װײַב װאָס איך װעל דיר זאָגען: אַז מיר האָבען שױן אָב געלעבט אונזער גאַנצען לעבען ביז אונזערע עלטערע יאָהרען אָן אַהון װעלען מיר זיך שױן איצט אױך באַגײַן. און די הון זאָל זײַן פֿאַר'ן אורח

דערצו האט אויך די אלטע אין געשטימט, וואס דעם מאנס רייד איז געוועזן ביי איהר זייער טייער. און זיי האבען זיך געזעצט ביי אוינקעל טיש מיט זייער ברויט מיט זויערש ווי זיי זיינען געוועזן געוויינט אלע מאל צו עסען, און דעם אורח האבען זיי מכבד געוועזן מיט די גוטע הון די פעטע וואס זיי האבען דאס פון זיינט וועגען געקויפט צו מקיים זיין די מצוה הכנסת אורחים כדין וכדת.

היינט אז מיר בעטען אויף זעטינקייט דארפען מיר בעטען סיי פאר זיך סיי פאר אנדערע. דער אונטערשייד איז אבער אין דעם: פאר זיך, דארפען מיר בעטען מיר זאלען זיין זאט. און פארען צווייטען—מען זאל קאנען איהם מכבד זיין מיט עהרע מיט פאראר. אין מדרש שטייט: „משל למלך שהי' לפניו מעדנים ובאו לפניו עבדיו ובניו ונתן מנה לכל אחד כיון שבא בנו אמר הרי כלו לפניך" א קעניג איז געוועזן פאר איהם פערשידענע שפייזען און האט אלעמען מכבד געוועזן, ווי באלד דער זון איז געקומען האט ער איהם אוועק געגעבען אין גאנצען. דער שטייגער איז אז א גאסט איז מען מכבד און א איינען קינד גיט מען פון אלעס וואס עס איז דא. היינט אז מיר בעטען די בקשה כללית ער זאל אונז געבען זעטינקייט בעטען מיר אלעס קינדער ווייל ער איז „אבינו" אונזער פאטער, און אז מיר בעטען די בקשה פרטית צו מכבד זיין דעם צווייטען מיט א אויסנאהם זאך, דאס איז אלעס וואס ער איז א קעניג „מלכנו" ווי עס ווערט געזאגט אין משל פון מדרש) „מלא אסמינו שבע".

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ שְׁמַע קוֹלֵנוּ חוּס וְרַחֵם עָלֵינוּ:

אונזער פאטער אונזער קעניג, הער אונזער שטימע, בעמיטלייד און ערבארעם זיך איבער אונז.

א קינד האט זיך ניט אויף געפיהרט ווי עס דארף צו זיין, ער האט זיך אין שטוב רק געערגערט און געקריגט זיך מיט אלעמען און פארשאפט דער מוטער מיט די גאנצע הויז געזינד פיל פאר־דרוס, האט דער פאטער א געשריען אויף איהם, דער קינד האט געוואלט אין גאנצען אראבווארפען פון זיך דעם יאך פון פאטער,

איז ער אנטלאָפען פון זיין שטוב, ער האָט געמיינט אז דער מיט וועט ער פארבעסערען זיין לאגע. ער האָט טאקע, די ערשטע ציַיט געפיהלט זיך אביסל פריַיער, ער האָט ניט געהאַט אויף זיך קיַין אויף-זעהער. דאָס איז אָבער נאָר געוועזען אויף א קליַינע וויַילע, בל זמן ער האָט נאָך געהאַט אביסל קליַינגעלט ביַי זיך אין קעשענע, פון וועלכע ער האָט געכאַפט פון פאָטער פאַר זיין אנטלויפען. אָבער ווי באַלד עס האָט זיך געענדיגט די קליין געלט, דער מיט האָט זיך אויך געענדיגט דער פערגעניגען פון דעם קינד און די פריַיהיַיט זיַינע. ער האָט אָן געהויבען פיהלען הונגער און נויט, עס איז איהם שוין גאַנץ שלעכט געוואָרען. ער האָט זיך שוין געוואָלט אומקערען צום פאָטער, ער האָט זיך אָבער געשעמט קומען אליין בעטען איהם פערציַיהונג אויף זיין פערברעכען. ער האָט געפרובירט בעטען איינעם פון דעם פאָטערס גוטע פריַינד, אַז ער זאָל בעטען דעם פאָטער פאַר איהם, אָבער דער פאָטער האָט דערפון ניט געוואָלט הערען, ער האָט געוואָלט אַז דער קינד זאָל אַליין קומען איהם בעטען, און בל זמן דער קינד וועט אַליין ניט קומען איהם בעטען פערציַיהונג וועט ער איהם ניט צו נעמען. ווען דער קינד האָט געזעהן אַז ער האָט שוין קיין אַנדער ברירה ניט, האָט ער זיך באַשלאָסען צו קומען אַליין און בעטען דעם פאָטער, ער האָט זיך אָבער געשעמט צו קומען ביַי טאָג איז ער געקומען ביַי נאַכט ווען אַלע האָבען שוין געשלאָפען און האָט גענומען קלאַפען אין טיר, אָבער דער פאָטער האָט איהם ניט געוואָלט עפענען ביז וואַנען ער האָט אָנגעהויבען שריַיען אויף זיין הויכע שטימע: טאַטע, העלף מיר! איך בין שוין אַליין געקומען בעטען דיר פערציַיהונג אויף מיַינע זינד וואָס איך האָב געזינדיגט קעגען דיר. ווי ער האָט איהם אויפגעעפענט די טיר האָט ער צו ערשט איהם געבעטען פערציַיהונג וואָס ער האָט פאַר-בראָכען קעגען פאָטער זעלבסט, מיט דעם וואָס ער האָט זיך געוואָלט באַפריַיען פון זיין אויף-זיכט, נאָך דעם בעט ער איהם פארציַיהונג קעגען דעם וואָס ער האָט זיך פריער ניט געפיהרט ערענטליך און האָט אַרויף געצויגען אויף זיך דעם צאָרען פון פאָטער מיט זיין אַלגעמיינע אויף-פיהרונג.

דאָס זעלבע זאַך איז מיט אונז, הייליגע אידען. מיר האָבען פאַר בראָכען! מיר האָבען געזינדיגט! אונזער טאַטע דער בוי"ת האָט אונז געשטראָפט פאַר אונזערע זינד, האָבען מיר זיך גאָר אָב געקעהרט פון איהם, און עס האָט זיך געפונען צווישען אונז

אזעלכע וואָס האָבּען געזאָגט . „עזב ה׳ את הארץ״, אז דער בוי״ת
ניט יוין גאָר ניט אַלטונג אויף דער וועלט. ווען עס איז אָבּער
געוואָרען גאַנץ שלעכט, האָבּען מיר זיך ארום געזעהן אז דאָס וואָס
מיר זיינען אנטלאָפען פון טאַטען דערמיט האָבּען מיר זיך נאָך א סך
ערגער געמאַכט. דאַן האָבּען מיר גענומען פאַרשטיין אז די שטראָפען
זיינען פון בוי״ת, מיר האָבּען געוואָלט זיך צוריק קערען צו איהם
דורך זיינע גוטע פריינד, מיר בּעטען רק זכות אבות, דער זכות פון
אברהם יצחק ויעקב זאָל אונז בּיישטיין, דער בוי״ת וויל אָבּער אליין
הערען אונזערע תפלות, איהם איז געשמאַק צו הערען אונזער שטימע,
און ער שרייט צו אונז: „הראיני את מראיך״! וויַיז מיר דיין געשטאַלט,
רעק מיר אויף דיין צובּראָכענע הארץ! „השמיעיני את קולך״, לאָז
מיר הערען דיין שטימע, „כי קולך ערב״ דען דיין שטימע איז מיר זיס צו
הערען, „ומראך נאוה״ און דיין געשטאַלט איז מיר שיין אנצוקוקען. אַלזאָ
קומען מיר יעצט איהם אליין בּעטען, אָבּער „משחרב ביהמ״ק נפסקה
מחיצה של ברזל בינינו לבין אבינו שבשמים״ ציַיט דער בית המקדש
איז חרוב געוואָרען שטייט צווישען אונז און אונזער טאַטען אין
הימעל א אייזערנע וואַנט, דאַרפען מיר אויף הייבּען אונזער שטימע
אין דער הויך און שרייען: „שמע קולנו״! הער זיך צו אונזער
איינענע שטימע! מיר זיינען אליין געקומען דיר בּעטען פערציַיהונג.
צו ערסט דאַרפען מיר איהם בּעטען וואָס מיר האָבּען נעגען איהם
זעלבּסט פאַרבּראָכען וואָס מיר האָבּען זיך אָבּגעקעהרט פון איהם,
דאָס בּעטען מיר איהם אלעס „אבינו״ וואָס ער איז אונזער „פאָטער״
נאָכהער בּעטען מיר איהם פערציַיהונג אויף אונזערע אלגעמיינע
פאַרבּרעכען, דאָס בּעטען מיר איהם אלעס ער איז „מלכנו״ אונזער
קעניג. הוס ורחם עלינו. דו זאָלסט האָבּען מיט אונז מיטלייד און
אויף אונז רחמנות האָבּען און אונז העלפען.

דער אונטערשייד פון „הוס״ און פון „רחום״ איז, „רחם״ פאַסט
אויף אַזאַך וואָס האָט דעת, חאָטשי די זאַך האָט ניט קיין גרויסען
ווערטה, נאָר די זאַך האָט פערשטאַנד און זי האָט צער, עס איז
איהר שווער דעם צער צו פאַרטראָגען פאַסט דערויף רחמנות
האָבּען, און „חוס״ איז אויף די זאַך וואָס האָט א ווערטה. זאַלעוועס
מען דאָס מצד די ווערט איהרע. צום בּיישפּיל: וועלכער זיינען ארויס
אין מלחמה און זיי זיינען פאַרוואונדעט געוואָרען, אנדערע זיינען די
וואונדען גרינגע און אז זיי וועלען ווערען אויסגעהיילט וועלען זיי
צוריק גיין אין שטרייט. און אנדערע זיינען די וואונדען וויַיערע

שווערע און אז זיי וועלען אפילו אוים געהיילט ווערען וועלען זיי שוין אין שטרייט ניט קאנען גיין, און ביידע ליגען אין שפיטאל און מען היילט זיי איז אויף די שווער-פארוואונדעטע פאסט צו זאגען „רחמים", מען האט אויף זיי רחמנות וויל זיי ליידען פיל שמערצען, און צוליב דעם היילט מען זיי, און אויף די לייכט-פערוואונדעטע פאסט צו זאגען „חוס", מען זאלעוועט זיי איבער די נוצען וואס מען רעכענט צו האבען פון זיי, דאס איז אבער אלץ גערעט ביי אקעניג, וואס דער זעלנער, וועלכער ער קאן ניט גיין אין שטרייט האט ער שוין ביי איהם קיין ווערטה ניט, נאר ער האט אויף איהם רחמנות. אבער ביי א פאטער, איז אפילו ווען דער קינד איז קראנק און ער נוצט ניט צו קיין ארבייט האט ער אויך ביי איהם אגרויסען ווערט, דערום פאסט ביי אפאטער דערווארט „חוס" אפילו אויף א קראנקען זון, אט דאס זאגט ער, האטשי מיר זיינען אזוי צו וואונדעט פון אונזערע זינד אז מיר האבען שוין ניט קיין גאנצע גליד, פון דעסט וועגען, דו וויל דו ביסט „אבינו" אונזער טאטע דארפסטו אויף אונז חס זיין (זאלעווען אונז) ווארום אזון ביי אפאטער האט אין אלעם פאלם אווערט, און וויל דו ביסט „מלכנו" אונזער קעניג און מיר האבען ניט קיין ווערט ביי דיר וויל מיר קאנען דיר ניט דינען בעטען מיר דיר „רחם" עלינו זאלסט אויף אונז רחמנות האבען צו ליב אונזער וויטאג.

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ קַבֵּל בְּרַחֲמִים וּבְרָצוֹן אֶת תְּפִלָּתֵנוּ:

אונזער פָאטער אונזער קעניג, נעם אויף מיט בארימהארציגקייט און מיט ווילען אונזער געבעט.

איינער א רייכער מאן איז געגאנגען אין נאס האט ער געזעהן ווי עס וואלגערט זיך ארום אארעמער קינד, א יתום אן א פאטער און אן אמוטער, וואס האט אויף זיך קיין אויף זעהער ניט, און ליידעט הונגער און קעלט, האט ער אויף איהם רחמנות געהאט

און האָט איהם אַריינגענומען צו זיך אין שטוב און האָט איהם פון גרויס רחמנות געגעבען עסען און טרינקען און האָט איהם בעקליי-דעט און באַנויט, און ער האָט איהם אָבגעגעבען אין אַ חדר לערנען. נאָכהער האָט זיך אַרויס געוויזען אַז דער קינד איז געווען בעגאַבט מיט גוטע פעהיגקייטען און געווען אַגרויסער מתמיד, ער האָט זיך גענומען שטאַרק צום לערנען און האָט זייער געשטיגען ביז וואַנען ער איז געוואָרען אַגדול בישראל. דער מענש וואָס האָט איהם צו גענומען איז געווען זעהר צופרידען פון איהם און ער האָט געגעבען אַלויב צום בוי"ת וואָס ער האָט איהם צוגעשיקט אַזאַ מציאה צו האָרעווען איהום מיט אַזעלכע בשרונות און אַזעלכע מעלות. אמת, פון אָנפאַנג דאָט ער דאָס געטאָן נאָר אַלעס רחמנות, וואָס ער האָט געזעהן דעם צער פון דעם עלענדען קינד, אָבער נאָכדעם איז ער געווען זעהר צופרידען אויך, דאָס איז דער אונטערשייד פון „רחמים" צו „רצון", „רחמים" איז וואָס האָט רחמנות אויף יענעם ווייל יענעם איז שלעכט, „רצון" איז אַז ער זעהט דאָס זיינע מעשים ברייננגען נוצען.

דאָס זעלבע זאַך איז מיט אונז, הייליגע ברידער זאַז מיר קומען בעטען דעם בוי"ת בעטען מיר פריער רחמים, ער זאָל אויף אונז רחמנות האָבען מחמת אונז איז שלעכט, ווייל מיר זיינען אָרעם, אָבער נאָך דעם אַז דער בוי"ת וועט אויף אונז רחמנות האָבען און מקרב זיין און מיר וועלען נעמען אויף זיך צו דינען איהם און מיר וועלען היטען זיינע מצות, קאָנען מיר האָפען אַז ער וועט אויך זיין צופרידען מיט אונז.

אַז עס קומט צו איינעם אַ אָרעמער קרוב נעמט ער איהם אָן מיט רחמים, און אַז עס קומט אַרייכער קרוב נעמט ער איהם אָן מיט צופרידענהייט, אַזוי בעטען מיר דעם בוי"ת ער זאָל אונז אָן נעמען סיי מיר זיינען ווערט זיינע התקרבות סיי מיר האָבען עס ניט פאַרדינט, זאָל ער אונז פריער אָן נעמען מיט רחמים, נאָכדעם ווע-לען מיר קומען צו אַהעכערע מדרגה ער זאָל אונז אָן נעמען אויך מיט צו פרידענהייט.

„רחמים" געהערט מעהר צו אַפאָטער ווי עס שטייט אין פסוק: „כרחם אב על בנים", ווען אקינד איז אפילו ניט קיין גוטער און ער פאַרדינט ניט דעם פאָטערס התקרבות פון דעסטוועגען ווען ער זעהט אַז דעם קינד איז שלעכט האָט ער אויף איהם רחמנות. „רצון" איז מער שייך צו אַקעניג, דען ע"פ רוב איז דער קעניג מקרב דעם וואָס האָט פאַרדינט זיינע התקרבות. דער וואָס דינט איהם גוט

דאס בעטען מיר, „אבינו—קבל ברחמים", „מלכנו—קבל ברצון את תפלתנו". אז ער וועט פריער מקבל זיין ברחמים, וועלען מיר אויף זיך נעמען צו דינען איהם וועט ער נאכדעם אויך זיין צופרידען.

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ פְּתַח שַׁעֲרֵי שָׁמַיִם לִתְפִלָּתֵנוּ:

אונזער פאטער אונזער קעניג, עפען די טויערען פון הימעל פאר אונזער געבעט.

אין אשטאט איז געווען ר"ל אגרויסע שריפה, דער פייער האט געגרויזעט נאהענט צו אשטוב וואס דארטען האבען זיך געפונען מענשען, די שטוב איז געווען פאר שלאסען, די מענשען וואס זיינען געווען אינעווייניג האבען געשריען צו די מענשען וואס אויפן גאס מען זאל זיי ראטעווען, מען איז צוגעגאנגען צום טיר ראטעווען, די טיר איז אבער געווען פארשלאסען פון אינעווייניג, און מען עפענט ניט. די מענשען וואס זיינען געווען אינעווייניג האבען פון שרעק געחלשט און זיי האבען ניט געהאט קיין קרעפטען צו עפענען די טיר, עס האט זיך גאר געהערט אפערשטיקטער קול: ראטעוועט אונז פון טויט"! מען האט אנגעהויבען פון אויסווייניג קלאפען אין טיר גאנץ שטארק, און שרייען הויך: שטארקט זיך ברידער! שטארקט איינער דעם צווייטען און גייט צו צום טיר עפענט איהר אויף, דען כל זמן די טיר איז פארשלאסען קאנען מיר פון אייערט וועגען גאר ניט טאן. אלזא מוזט איהר אליין און וועגדען אלע קרעפטען אויף צו עפענען דעם שלאס און דאן וועלען מיר אויף עפענען די טיר און מיר וועלען אייך ראטעווען.

די חז"ל זאגען אין דעם נאמען פון בוי"ת: „פתחו לי כחודו של מחט ואני אפתח לכם כפתחו של היכל" איהר קינדערלעך עפענט מיר נאר אויף אקליינעם עפענונג ווי דער שפיץ פון אנאדעל וועל איך אייך שוין עפענען אגרויסע טיר ווי די טיר פון היכל. דאס הייסט די אידען מוזען זיך פריער אקער טאן צום רבש"ע און פאנאנדער עפענען פאר איהם זייער הארץ אביסל וועט שוין דער בוי"ת עפענען זיי א ברייטע טיר, דען ווען מיר בעטען דעם בוי"ת מיט פארשלאסענע הערצער איז קיין פעולה ניט, אין דעם בוי"ת

איז קיין שנוי ניטא, ער ווערט ניט איבער געאנדערשט פון דעם מענשענס תפלה, נאר ווען דער מענש איז מתפלל צו איהם דאן ווערט דער מענש אנדערש. פריער איז ער ניט ווערטה געווען אז דער בוי"ת זאל איהם העלפען, און נאכהער ווי ער איז מתפלל ווערט שוין זיין הארץ ווייכער, עס ווערט פאנאנדערגעעפענט די הארץ זיינע, ווערט ער שוין א נאנדער מענש און ער פארדינט שוין די הילף פון דעם בוי"ת, היינט אז א מענש שטעלט זיך מתפלל זיין פאר דעם בוי"ת און ער רעדט נאר מיט'ן מויל די תפלה און די הארץ איז ניט דער ביי, האט ער דאך מיט זיין תפלה נאר נישט אויף געטאן, אלזא ווען דער מענש איז מתפלל און וויל מיט זיין תפלה עפעס פועל זיין מוז ער פונ'נאנדער עפענען די הארץ זיינע. די ריכטיגע פראבע איז ווען זיין הארץ ווערט טאקע פונ'גאנדער געעפענט, ווען ער לאזט נאך ארויס א טרער, אט דאס איז א געוויסער סימן אז די הארץ זיינע איז אפען, ווי די היילגע גמרא זאגט „שערי דמעות לא ננעלו". די שערי תפלה זיינען פארשלאסען און די שערי דמעות זיינען ניט פארשלאסען, דען אז א איד איז מתפלל איז מעגליך אז די הארץ זיינע איז נאך פארשלאסען און ער רעדט נאר „מן השפה ולחוץ" מיט'ן מויל אליין, אבער ווען ער לאזט ארויס א טרער, דאן ווייסען מיר קלאר אז די הארץ זיינע האט זיך געעפענט, דאן עפענט דער בוי"ת אויך פאר איהם די טויערען פון הימעל און ער ווירקט אויס אלעס וואס ער פערלאנגט.

אמאל טרעפט אבער אז איינעם אליין איז שווער צו עפענען די טויערען פון הארצען, עס איז איהם שווער צו דערוועקען ד הארץ זיינע, דען ער איז פארחלשט. דאן איז גוט ווען עס קלייבען זיך צוזאמען עטליכע מענשען און אלע צוזאמען דערוועקען זיי איינע די אנדערע, דאן איז גרינג אז יעדערער זאל פאראנאנדער עפענען זיין פערמאכטע הארץ און ארויס לאזען א טרער, דאס איז א ווירקליכע פעולה.

אלזא, היילינע אידען! ווען מיר בעטען די תפלה: „אבינו מלכנו פתח שערי שמים לתפלתנו" דארפען מיר בעטען אלע צוזאמען. מיר דארפען זיך אויף קלייבען צו זאמען אונזערע גייסטליכע קרעפטען, ערוועקען איינער דעם אנדערען און אויף הויבען אונזער שטימע גלייך צו דעם בוי"ת וועט זיך אונזערע הערצער אויך פאר־נאנדער עפענען דאן וועט אונז השי"ת עפענען די שערי רחמים און מיר וועלען געראטעוועט ווערען.

ווען איינער איז ווייט פֿון מענשען און ער קומט בעטען איינער אליין ביי דעם בוי"ת, און אין די טעג הערט דאך דער בוי"ת צו די תפלה פֿון א יחיד אויך, ווי די גמרא זאגט: „ויחיד אימתי מר"ה עד יוהכ"פ". ווען הערט צו דער בוי"ת די תפלה פֿון א יחיד אין די טעג פֿון ראש השנה ביז יום כפור, דאן איז זיין בעטען ווי א זון בעט א פֿאטער פאסט צו רופֿען איהם, דעם בוי"ת „אבינו" אונזער פֿאטער, און ווען עס בעטען א צבור אלע צוזאמען דארפֿען מיר איהם אן רופֿען „מלכנו" אונזער קעניג, (ברוב עם הדרת מלך). דערום בעטען מיר סיי דו בינסט אונזער פֿאטער, ד"ה אז א „יחיד" בעט דיר, און סיי דו בינסט אונזער קעניג אז א „רבים" בעטען דיר: „פתח שערי שמים לתפלתנו".

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ זָכוֹר כִּי עָפָר אֲנָחְנוּ:

אונזער פֿאטער אונזער קעניג, געדיינק אז מיר זיינען נאר ערד.

אויף א גרויסער אויסשטעלונג זיינען געקומען פֿארשידענע פֿאבריקאנטען און זיי האבען געבראכט פֿארשידענע כלים וואס עס ווערט אויסגעארבייט אין זייערע פֿאבריקען, איינער א פֿאבריקאנט פֿון גאלד-אויסארבייטונג האט ארויסגעשטעלט אכלי אגאלדענע, זייער פֿיינע ארבייט, אלע זיינען ענטציקט פֿון די ארבייט, די קאמיסיע האט דאס בעטראכט און מען האט איהם באשאנקען מיט אגאלדענעם מעדאיל. נאכהער האט אויך א צווייטער פֿאבריקאנט ארויס געשטעלט זיינע אכלי וועלכע איז געווען אויס-געארבייט אין זיין פֿאבריק, אויך אגאלדענע נאך פֿיל שענער פֿון די ערשטע, איידעלערע ארבייט און שענערע אויסטעלעכץ. חער עס האט אקוק געטאן האט געהאט גרויס התפעלות. דאך ווען די קאמיסיע האט זי בעטראכט האט מען איהם נאר געגעבען אזילבערנעם מעדאיל, די מענשען וואס זיינען געווען אויף די אויסשטעלונג זיינען געווען זייער פֿארוואונדערט. דען אלע האבען געזעהן אז דער צווייטער פֿאבריקאנט האט פֿארדינט מער אלט און שעצונג פֿאר'ן ערשטען, וויל זיינע

ארבייט איז נעווען פיל שענער און איידעלער, טא פאר וואס שווע דאס מען איהם נאר באשאנקען מיט אוילבערנעם מעדאיל ווען דעם ערשטען האט מען באשאנקען מיט א גאלדערנעם? מען האט אויף דערויף געמאכט א אנפראגע אין דער קאמיסיע. די קאמיסיע האט דערויף געענטפערט: ניין קינדערלעך, איהר האט א טעות וואס איהר שעצט דעם צווייטענס ארבייט מע"ר פאר דעם ערשטענס, איהר מיינט אז ביידע פאבריקען האבען געארבייט זייערע כלים פון וועלבען מאטריאל איז דאס ביי אייך אזאונדער, די זאך איז אבער ניט אזוי, די כלי פון דעם צווייטען פאבריקאנט איז געארבייט בלויז פון ריינע גאלד, דערום איז האטשי די ארבייט איז זייער שיין און איידעל, אבער דאך פון ריינע גאלד איז ניט אזא קונסט אויס צו ארבייטען אשיינע כלי. יא, א מעדאיל קומט איהם, אבער נאר אזילבערנעם, דער ערשטער אבער האט אויסגעארבייט זיין כלי פון ליים און האט זי באגאלדעט אז מענשען האבען א טעות און מיינען אז דאס איז אויך פון גאלד געמאכט, דערום קומט איהם שוין אגאלדענעם מעדאיל.

דאס זעלבע איז מיט אונז, הייליגע אידען! די גמרא זאגט אין חולין (דף צ"ב) אז די אידען מוזען זאגען שירה פאר'ן רבש"ע פריער און נאכדעם די מלאכים. אין פלוק איז דאס אונפארשטענדליך, פארוואס זאל דאס זיין אזוי? די מלאכים זיינען דאך פיל העכער פאר'ן מענשען טא פאר וואס קומט דאס דער מענש זאל זאגען פריער שירה פאר זיי? נאר דער תירוץ איז דאס וואס מיר האבען דא געזאגט. אמת טאקע, די מלאכים זיינען פיינער און איידעלער און שטייען אין אהעכערען שטאנד פאר'ן מענשען, אבער זיי זיינען דאך פון ריינע גאלד, זיי זיינען דאך שכלים נבדלים, זיי האבען דאך קיין חומר, קיין גוף ניט, און דער מענש איז דאך עפר מן האדמה, פון אהייפעל ערד, און דאך קען דער מענש אזוי הויך ערגרייכען האטשי ער קען ניט ערגרייכען די מדרגה פון אמלאך, אבער נאך זיין מאטעריאל האט ער ערגרייכט צו אגאנץ הויכע מדרגה. אט דאס איז וואס מיר בעטען: „זכור כי עפר אנחנו".

קומט אויס אזוי: אז דאס וואס מיר זאגען: „זכור כי עפר אנחנו" ליגט אין דעריין אונזערע מעלות מיט די פעלערען, דען דאס אליין איז דאך אפעלער, דאס צוליב דעם קאנען מיר ניט דינען דעם בוי"ת ווי עס דארף צו זיין, אבער די מעלה איז, אז וויפיל מיר דינען איהם איז פאר אונז גענוג, עס איז א סך, וויל

מיר זיינען נאר עפר. וואלט דאך איינגענטליך גענוג געוועזן מיר זאלען נאר דערמאנען די מעלה, ווי וויט מיר דינען איהם יא? נאר וויל ער האט דאך אגרויסע וועלט מיט מלאכים, שרפים ואופנים וחיות הקדש, וואס זיי דינען איהם גענצליך וואלט אונזער דינען איהם נאר ניט גערעכענט געוועזן ווען מיר וואלטען ניט געהאט דעם פעלער „כי עפר אנחנו", קומט אוים אז די מעלה אונזערע דערמאנען מיר אלעם וואס ער איז „אבינו" אונזער טאטע, און דעם חברון דערמאנען מיר אלעס וואס ער איז „מלכנו" אונזער קעניג און האט אגרויסע וועלט מיט שכלים נבדלים, דערום בעטען מיר: „זכור כי עפר אנחנו". איז דאדורך, אונזער מעלה גרעסער פאר זייערע.

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ נָא אַל תְּשִׁיבֵנוּ רֵיקָם מִלְּפָנֶיךָ:

אונזער פאטער אונזער קעניג, איך בעט דיר דו זאלסט אונז ניט אומקערען ליידיג פון פאר דיר.

אבעל מלאכה האט געמאכט פיל ארבייט ביי ארייכען מענשען אין הויז, דער גביר האט איהם געזאגט אז אויב די ארבייט וועט זיין גוט איז חוץ וואס ער וועט איהם באצאלען זיין לוין וועט ער איהם נאך גאנץ גוט באפרידיגען. דער בעל מלאכה האט גערעכענט צו בעקומען פיל געלט פון גביר, אבער ווען ער קומט צום גביר בעטען זיין געלט, ענטפערט איהם דער גביר אז איהם קומט גאר ניט, דען די ארבייט זיינע נוצט צו גאר נישט, און האט איהם געוויזען די פעלערן וואס עס איז דא אין זיין ארבייט, אז אלץ וואס ער האט געמאכט דארף מען איבער מאכען. דער בעל מלאכה האט איהם אנגעהויבען בעטען מיט טרערען: ליבער גביר, האט רחמנות אויף מיר, מילא די באפרידעגונג גיט איהר מיר ניט, געגען דעם האב איך נאר נישט, איך קאן דאס ניט מאנען. אבער באצאלט מיר חאטשי פאר די ארבייטם לוין איך זאל ניט קומען צו מיין ווייב און קינדער מיט ליידיגע הענד, און די פעלערן וואס איך האב געמאכט וועל איך ביסלעכווייס פאריכטען.

דאס זעלבע איז מיט אונז, הייליגע אידען! דער בורא ית' האט

אונז בּעשטעלט מיר זאָלען איהם דינען, ווי עס שטייט אין פּסוק „ועבדתם את העבודה הזאת". „ושמרתם את מצותי ועשיתם אותם". און חוץ אייער אַרבּייטס לוין וועל איך אייך געבּען אַ בּעפרידיגונג אויך: „והייתם לי סגולה מכל העמים". מיר האָבּען אָבּער פאַרבּראָכען, מיר האָבּען אונזער אַרבּייט פאַרדאָרבּען, קיין בּעפרידיגונג קאָנען מיר דאָך געוויס ניט פערלאַנגען פון איהם, מיר קומען נאָר צו בּעטען דער בוי"ת זאָל אונז פאַר די אַרבּייט בּאַצאָלען און מיר וועלען מיט דער צייט פערריכטען די פעלערען וואָס מיר האָבּען געמאַכט. דען דער בוי"ת רעכענט ניט אָב קיין שכר פון אַ מצוה פאַר אַ עבירה וואָס דער מענש האָט געטאָן, סיידען אַז דער מענש האָט חרטה אויף די פריערדיגע מעשים טובים וואָס ער האָט געטאָן, (בתוהה על הראשונות). מיר האָבּען אָבּער קיין חרטה ניט אויף דעם וואָס מיר האָבּען געטאָן גוטע מעשים, נישט מער דער עול הפרנסה האָט אונז געבּראַכט צו זינדיגען, דערום בּעטען מיר „נא אל תשיבנו ריקם מלפניך".

אָבּער דאָס דאַרפען מיר וויסען זיין. אַז דאָס אַלעס וואָס מיר בּעטען פון בוי"ת ער זאָל מאַן מיט אונז, ליגט אויף אונז אַ חוב, עכ"פ, אַז מיר זאָלען דאָס טאָן איינער מיט'ן צווייטען. און ווי באַלד אַז מיר בּעטען פון בוי"ת אַז ער זאָל אונז ניט אומקערען לעדיג פון פאַר איהם, דאַרפען מיר זיך אַזוי פיהרען איינער מיט'ן צווייטען, אויב עס וועט קומען אַ אָרעמאַן בּעטען פון איינעם שטיצע זאָל ער איהם ניט אָבּזאָגען און מקיים זיין די מצוה „והחזקת בו", און בּפרט ווי מיר האָבּען ערקלערט (בס' ש"נ) אַז דער כלל ישראל ווערט גערעכענט פאַר איין בנין, און דערום האָבּען געשטימט די קרשים פון משכן און צו געפּאַסט איינער צום צווייטען, האָטשע זיי זיינען געווען גראָב אַ איל, מחמת זיי זיינען געווען מכוון געגען די אידישע הערצער וואָס האָבּען געשטימט און צו געפּאַסט זיך איינע צו די אַנדערע, האָבּען געשטימט די קרשים אויך איינע מיט די אַנדערע.

אין משכן זיינען געווען קרשים (בּרעטער) מיט אדנים (שוועלען). די אדנים זיינען געווען אונטען און די קרשים זיינען געווען אויבּען, די אדנים זיינען געווען פּוסט און די קרשים האָבּען דערפילט די פּוסטקייט פון די אדנים און צוזאַמען איז דאָס געווען דער „משכן", דען זיי האָבּען אויפגעהאַלטען איינע די אַנדערע. דאָס זעלבּע זיינען די פאָלק אידען, די אָרעמע זיינען די אדנים, ווייל זיי זיינען אונטען,

אונ די רייכע זיינען די קרשים ווארום זיי זיינען אויבען, די ארעמע זיינען פוסט. פעליג, אונ די רייכע דארפען ערפילען אט די פעליגקייט מיט זייער געלט, דען די אדנים די ארעמע האלטען אויף די קרשים זיי זאלען זיך ניט אראב בייגען. אונ ריכטיג ווי אמענש בייזיך אין שטוב אז ער זעהט אז דער שוועל בויגט זיך, אונ אויב ער וועט איהם ניט אונטערשפארען, וועט זיך די גאנצע וואנט אראב בויגען מיט'ן שוועל, היילט ער זיך אונטערשפארען דעם שוועל בייצייטען, אזוי דארף זיין ריכטיג דער אלגעמיינער בנין פון כלל ישראל.

אונ דאס איז וואס די תורה זאגט: „וכי ימוך אחיך ומטה ידו עמך והחזקת בו", דער דובנער מגיד ז"ל פרעגט וואס פאסט דא דער ווארט „עמך"? ווי מיר ריידען דא אבער גייט דער „עמך" אויף ביידע ענינים ריכטיג ווי עס וואלט שטיין, כי ימוך אחיך עמך ומטה ידו עמך. דען ווי מיר ריידען דא איז דער ארעמער דער אדן אונ ער איז פוסט, פעלערדיג, אונ דער רייכער (מיט די איבריגע וואס דער בוי"ת האט איהם געגעבען) דארף דאס ערפילען, אט דאס זאגט ער: „כי ימוך אחיך" אז דיין ברודער איז ארעם איהם פעלט, וואו געפינט זיך דאס וואס פון איהם פעלט? „עמך" דאס געפינט זיך ביי דיר. אבער אז דו וועסט איהם ניט געבען אונ דו וועסט איהם לאזען ביז עס וועט קומען דער צו אז „ומטה ידו", ער וועט זיך שוין אראבבייגען וועסטו זיך שוין אויך אראב בייגען, דען אז דער שוועל בייגט זיך שלעפט ער מיט די וואנט אויך „עמך" מיט דיר, דו וועסט זיך אויך בייגען מיט איהם צוזאמען, דערום פארזאג איך דיר אז „והחזקת בו", וועט זיין די משמעות ביידע זאכען, דו זאלסט איהם אויף האלטען אונ עס וועט אויך זיין די משמעות דו וועסט זיך אן איהם אויף האלטען.

אלזא איז אין וואס באשטייט אונזער פערלאנג? זי באשטייט אין דעם אז דער בוי"ת זאל אונז אנטרויען אז מיר וועלען נאך פארריכטען וואס מיר האבען פארדארבען, נו גוט, ווי אזוי זע וועט דער בוי"ת אונז טרויען ווען מיר זיינען פארלייפיג געבליבען ניט ערליך קעגען איהם? נאר מיר געפינען אין דער פראקטישער וועלט אויף צוויי פאלען טרויט מען איינעם וואס ער האט זיך ניט ערליך געשטעלט, אדער ביי יענעם איז רעכט אפילו אז דער חוב זאל גיין אין גאנצען פאר פאלען, דאס קאן זיין ווען יענער איז א קרוב, א גואל, אדער איבער הויפט א אייגענער קינד, רעכענט ער ממה נפשך, וועט ער מיר אבגעבען דעם חוב איז גוט, אונ ווען ניט וועט

אויך רעכט זיין.—און אצווייטער פאל איז, ווען דער ארויסטרויער איז אנברא אלים, א שטארקער מאן, דאן איז ער זיכער אז יענער וועט איהם אבגעבען דעם חוב ווייל ער וועט מורא האבען פאר איהם, און ווען ער וועט ניט אוועק געבען האט ער כח צו נעמען מיט גוואלד. און דאס איז איבער הויפט ביי אקעניג, ווי די גמרא זאגט אין בבא בתרא אז איינער האט א חוקה געטאן אין די פעלד פון ראש גלותא איז דאס קיין חוקה ניט חאטשי זיי האבען ניט געמאכט קיין מחאה, זיי האבען ניט געווערט, ווייל זיי דארפען ניט ווערען, זיי פערלאזען זיך אויף זייער קראפט אז מען וועט פון זיי ניט אוועק נעמען, דערום בעטען מיר דעם בוי"ת ער זאל אונז טרויען אדער מחמת ער איז „אבינו" אונזער פאטער, איז אפילו אז מיר וועלען ניט צאלען איז אויך קיין ביין ניט, אדער מחמת ער איז „מלכנו" אונזער קעניג, איז ער זיכער אין אלע צייטען אז מיר וועלען איהם באצאלען. אין אלע פאלען: „נא אל תשיבנו ריקם מלפניך".

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ תְּהֵא הַשָּׁעָה הַזֹּאת שְׁעַת רַחֲמִים וְעֵת רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ:

אונזער פאטער אונזער קעניג. עס זאל זיין די שטונדע א שטונדע פון דער בארימקייט און א צייט פון באווילינג פון פאר דיר.

אין אמדינה איז געווען אגרויסע מרידה, אמאטעז, פיל מענשען האבען ווידער געשפעניגט נעגען קעניג, נאכהער האט מען אלע מורדים געכאפט און געמשפט יעדערען נאך זיין פערברעך, די צו הייגען, די צו קאטארגע, די צו פארשיקען אין א וויטע לאנד, ויהי היום אז מען האט געדארפט אויספירען דעם אורטייל אויף איינע פון די פארטיעס און מען האט זיי געפיהרט צום עשאפאט, איז גראדע פאר ביי געפארען דער קעניג, די אלע פאר־אורטיילטע זיינען געפאלען צו דער ערד פאר איהם מיט אביטערען געוויין, און זיי האבען איהם געבעטען פארציהונג אויף זייער

פאַרברעך און ער זאָל פון זיי דעם שטראָף אראָבנעמען, דער קעניג האָט אויף זיי רחמנות געהאַט און האָט זיי געשאָנקען. ער האָט געגעבען אַבעפעהל מען זאָל זיי אַלע באַפרייען. זיי האָבען איהם געדאַנקט און זיי זיינען אַוועק יעדערער אַהיים פרעהליך. די איבריגע אַרעסטאַנטען אָבער, ווען זיי האָבען געהערט די געשיכטע, איז ניט גענוג וואָס זיי האָבען זיך ניט געפרייט, זיי האָבען נאָך געהאַט פאַרדרוס מיט קנאה אויף יענע. אין אַ צייט אַרום האָט מען געדאַרפט אויספירען דעם אורטייל נאָך אויף אַ פאַרטיע. ווי מען האָט זיי געפירט צום עשאַפאָט איז געקומען צו לויפען אַ רייטער פון קעניג מיט אַבאַפעל מען זאָל אַלע פערשולדיגטע באַפרייען. ווייל עס איז אָנגעקומען דעם קעניגס געבורטסטאָג האָט ער געגעבען אַמאַניפעסט אַז מען זאָל שיינקען אַלע פערברעכער פון זיין מדינה און דיזע אויך אין כלל. די אַלע פאַראורטיילטע זיינען אַוועק זייער צו־פרידען און פריילעך, און זאָגאַר די וואָס זיינען נאָך פאַרלויפיג אין טורמע פאַרבליבען וואָס עס איז נאָך ניט געקומען די צייט אויס־צו פירען אויף זיי דעם דעקרעט זיינען אויך געווען פריליך, ווייל דער באַפעל פון קעניג נעמט דאָך אַרונטער אַלע פאַרברעכער.

דער אונטערשייד פון די ביידע געשיכטעס באַשטייט אין דעם; די ערשטע פאַרטיע האָט דער קעניג באַגנעדיגט אַלעם רחמנות, וואָס ער האָט אויף זיי רחמנות געהאַט, און די רחמנות געהערט נאָר צו דעם מקבל הפעולה, ווייל נאָר אויף זיי האָט ער רחמנות געהאַט ווייל זיי האָבען זיך ביי איהם געבעטען, אָבער צו אַנדערע געהערט עס ניט, דעריבער האָט עס ניט אָן באַלאַנגט צו די איבריגע באַשולדיגטע, און זיי קאָנען זייער שטראָף באַקומען, דאָס ווערט אָן גערופען: „שעת רחמים" אַצייט פון רחמנות. די רחמנות איז געווען נאָר אויף אַקליינע ווייניגע. אָבער די צווייטע געשיכטע הייסט שוין אָב אָן נותן, אָן דעם קעניג וואָס האָט געגעבען דעם מאַניפעסט, וואָס די צייט פון זיין געבורטס טאָג האָט דאָס מיט געבראַכט איז דאָס שוין חל אויף אַלעמען. אָט דאָס בעטען מיר דעם בוי"ת עס זאָל זיין „שעת רחמים", אַשטונדע פון דערבאַרימקייט, ער זאָל זיך דערבאַרמען אויף אונז בפרט, „ועת רצון מלפניך", און אַ צייט פון באַווילינונג פון פ אַ ר ד י ר ער זאָל באַווילינען דעם גאַנצען כלל. אויף דעם ערשטען פאַל רופען מיר איהם אָן „אָבינו" אונזער פאָטער, און אויף דעם אַנדערן פאַל ווייל דאָס איז שוין אַ כלל זאָך רופען מיר איהם אָן מלכנו" אונזער קעניג. ווייל דו ביסט אונזער פאָטער „תהא השעה

הזאת שעת רחמים", זאל זיין די שעה אשעה פון דערבארימקייט, און ווייל דו ביסט אונזער קעניג זאל זיין אן "עת רצון מלפניך".

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ חֲמוֹל עָלֵינוּ וְעַל עוֹלָלֵינוּ וְטַפֵּנוּ.

אונזער פאטער אונזער קעניג, ערבארים זיך אויף אונז און אויף אונזערע קליינע קינדער.

אגרויסע שיף איז געגאנגען נאך אמעריקא. די שיף איז געווען באזעצט פול מיט מענשען, מענער פרויען און קליינע קינדער, די שיף האט זיך אנגעהויבען טרינקען, מען האט געגעבען אסיגנאל אז עס זאלען קומען צום רעטונגס פלאץ פרויען מיט קינדער זיך ראטעווען זייער לעבען אויף רעטונגס-שיפלעך. ווען עס איז געקומען אפרוי מיט א קינד אויפ'ן האנט האט מען זיי גלייך ארייַן געזעצט אין רעטונגס-שיפעל, אפרוי אליין איז דאס גלייכען. די מענער זיינען אויך געקומען בעטען מען זאל ראטעווען זייער לעבען, אבער זיי האט מען צוריק געשטויסען, אזוי איז געווען דער באפעל פון קאפיטאן. אין דעם קומט אמאנספערזאן מיט אקינד אויפ'ן האנט און בעט מען זאל איהם ראטעווען, מיט'ן קינד דער קאפיטאן האט געהייסען נעמען דאס קינד און אריינזעצען אין רעטונגס שיפעל און דעם פאטער צוריקשטויסען. דער פאטער האט אנגעפאנגען וויינען און בעטען אז מען זאל איהם אויך ראטעווען צוליב דעם קינד. אמת טאקע—זאגט ער אז די געזעצע איז אז מען דארף נאר ראטעווען דעם קינד (ווען עס איז ניטא קיין מעגליכקייט אלעמען צו ראטעווען). אבער וואס קען טאן אזוי אקליין קינד אויף דער וועלט, אויב ער וועט בלייבען איין עלענדער און ער וועט ניט האבען אויף זיך קיין באשיצער און קיין אויף פאסער, אויב אז איך, וואס איך בין זיין איינציגער באשיצער, וועט ווערען דערטרונקען אין ים? וואו וועט דער קינד אהין קומען? און ווי קען ער דורך פירען זיין וועלט? איז דען ניט גלייכער אויף אזא פאל אז איך זאל שוין דעם קינד מיט נעמען מיט זיך אויף דער אמת'ר וועלט? ער זאל ניט זעהן די פינשטערנעש פון דער וועלט? ער זאל ניט דארפען ארום וואלגערען זיך אויף דער וועלט, ווי אן עלענדער יתום, וואו א טאג

וואו א נאכט און אויסגיין פון הונגער און פון קעלט? דער קאפיטאן האט רחמנות געהאט אויפ'ן קינד און צוליעב איהם האט ער בעפוילען צו ראטעווען אויך דעם פאטער פון דעם קינד.

דאס זעלבע, הייליגע אידען! בעטען מיר אויך ביין רבש"ע: אויב עס איז ח"ו נגזר געווארען אויף אונז מיר זאלען טראגען אויף זיך דעם שווערען גזר דין און מיר האבען ניט קיין רעכט מיט אונזערע מעשים צו בעטען מ'זאל אונז ראטעווען, ערבארעם זיך אויף אונזערע קליינע קינדערלעך זיי זאלען חלילה ניט בלייבען אן א בעשיצער און אן א שפייזער, און דורך זייער זכות זאלען מיר געהאלפען ווערען.

אלזא וואס מיר בעטען ער זאל אונז מציל זיין אלעס רחמנות בעטען מיר אלעס וואס ער איז „אבינו", אונזער פאטער. און דאס וואס מיר בעטען ער זאל ראטעווען אונזערע קליינע קינדער, דאס איז מחמת די געזעצע, רופען מיר איהם אן „מלכנו" אונזער קעניג. דאס בעטען מיר: „אבינו" ווייל דו ביסט אונזער פאטער „חמול עלינו" און ווייל דו ביסט „מלכנו" אונזער קעניג „ועל עוללינו וטפנו".

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ עֲשֵׂה לְמַעַן הֲרוּגִים עַל שֵׁם קָדְשֶׁךָ:

אונזער פאטער אונזער קעניג, טו אונז גוטעס פון וועגען די וואס זיינען דערשלאגען געווארען פון דיין הייליגען נאמען וועגען.

א זעלנער איז געשטאנען אויפ'ן וואך, ער האט געהיט דעם קעניגליכען אוצר, עס זיינען געקומען רויבער און האבען געוואלט אויסקרויבען דעם הייליגען אוצר האט ער זיך געשטעלט געגען און האט ניט געלאזען. די רויבער האבען איהם געגעבען א טויט קלאפ און ער איז געפאלען טויט. אבער כל זמן זיינע כחות האבען נאך געטראגען האט ער געשריען גוואלד, ביז וואנען עס זיינען זיך צוזאמענגעלאפען מענשען און די רויבער זיינען זיך צולאפען, און דער

אוצר פון קעניג איז גאנץ נעבליבען. דער קעניג האט פאראַגט אז די פאמיליע פון דעם געהארגעטען זעלנער זאל מען אויסהאלטען מיט אללעם אויף זיין רעכענונג, און זיי זאלען זיין גוט בעלוינט.

דאס זעלבע איז מיט אונז, הייליגע אידען! מיר בעטען דעם בוי"ת ער זאל טאן מיט אונז חסד פון וועגען די וואס זיינען דערשלאגען געווארען פון זיין הייליגען נאמען וועגען. עס איז געווען צייטען וואס מיהאט געוואלט צוראבירען דעם אוצר פון אונזער קעניג דער מלך מלכי המלכים הקב"ה, צו מבטל זיין די הייליגע תורה און צושטערען אידישע מצות, און וויפיל אידען זיינען נעהארגעט געווארען על קדוש השם וואס זיי האבען בעשיצט אויף די מצות התורה זיי זאלען נים בטל ווערען פון אידען, און דערמיט האבען זיי געגעבען קרעפטען די איבעריגע וואס זיינען געבליבען ביים לעבען, זיי זאלען זיך האלטען ביים עץ החיים, זיי זאלען זיך האלטען אין דער תורה, זיי זאלען זיך האלטען אין אידישען גלויבען, זיי זאלען זיך האלטען אין די מצות פון בוי"ת, דערום בעטען מיר דיר רבש"ע, דו זאלסט פון זייערטוועגען טאן גוטעס מיט אונז וואס מיר זיינען זייערע קינדער.

מיט דעם וואס זיי האבען זיך מוסר נפש געווען האבען זיי בעוויזען זייער ליבשאפט צום בוי"ת מער ווי געוויינטליך, און דערמיט האבען זיי באוויזען אז זיי דיענען נים דעם בוי"ת ווי א קנעכט וואס ער דיענט „על מנת לקבל פרס" פון וועגען בעלוינונג, נאר ווי א קינד וואס איז איבערגעגעבען דעם פאטער מיט'ן גוף און מיט'ן נפש, און דערמיט האבען זיי געמאכט א דערוועקונג אין דער וועלט מ'זאל מקבל זיין עול מלכות שמים. איז דערום אויף דעם נאמען פון דער פעולה וואס זיי האבען געטאן פון זיינטוועגען ווערט דער בוי"ת אנגערופען „אבינו", אונזער פאטער, און אויף דעם נאמען פון דעם תכלית וואס עס איז ארויסגעקומען דערפון, וואס אלע האבען אנגענומען די הערשאפט פון בוי"ת ווערט ער אנגערופען „מלכנו" אונזער קעניג. אויף דערויף בעטען מיר: „אבינו מלכנו עשה למען הרוגים על שם קדשך".

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ עֲשֵׂה לְמַעַן טְבוּחִים עַל יִחוּדֶךָ.

אונזער פאטער אונזער קעניג, טו עס פון וועגען די געשאכטענע איבער דיין איינציגקייט.

ביי א קעניג איז דא פארשידענע אוצרות, עס איז דא טייערע אוצרות וואס זיי ווערען בעוואכט דורך זעלנער. די אוצרות ווען מען נעהמט אראב די זעלנער פון זייער וואך איז גרינג צו רויבען זיי, ווען זיי האבען אויף זיך נים קיין אויפזיכט. עס איז אויך דא אוצרות נאך טייערערע, וואס זיי זיינען בעהאלטען אין גרויסע באהעלטענעש, אז אפילו מ'וועט אראבנעהמען די וואך פון זיי וועט מען נים וויסען וואו זיי געפינען זיך, און צו רויבען זיי איז נים מעגליך סיידען דורך די הילף פון די זעלנער וואס זיי שטייען אויפ'ן וואך. אז זיי זאלען דייטליך אנווייזען דעם ארט וואו די טייערע אוצרות געפינען זיך. האט פאסירט ווען עס איז געשטאנען דער זעלנער אויפ'ן וואך זיינען געקומען רויבער וואס האבען געוואלט רויבען אט די טייערע אוצרות. ווי דער זעלנער האט דערזעהן אז זיי גייען מיט א גרויסע מאכט און ער וועט זיך נים קאנען שטעלען קעגען זיי אז מ'וועט איהם אנטאן גרויסע שמערצען און מ'וועט איהם נויטען ער זאל אנצייגען וואו די טייערע אוצרות זיינען בעהאלטען, וואס האט ער געטאן? ער האט גענומען זיין שפיז און האט זיך זעלבסט אריינגעשטעקט אין בויך און ער האט זיך דעם טויט געמאכט, בכדי אז די רויבער זאלען איהם נים קאנען אנטאן קיין יסורים דאדורך צו נויטען איהם אנווייזען דעם קעניגס טייערע אוצרות, און דורך דעם זיינען טאקע די אוצרות גאנץ געבליבען.

דאס זעלבע איז מיט אונז, הייליגע אידען! עס איז געוועזען צייטען וואס אונזערע פיינד האבען זיך נים בענוגענט מיט דעם וואס זיי האבען דעם אידען געהארגעט ווייל ער איז א איד, מ'האט איהם נאך געפייניגט מיט ביטערע יסורים און ענוים, ער זאל אננעמען זייער גלויבען פאפולער פאר'ן גאנצען אידישען פאלק, כדי דורך דעם צו ברעכען דעם צאם פון דער אמונה פאר'ן פאלק און אלע זאלען איהם נאכטאן, און דאמיט האבען זיי גירעכענט צו רויבען דעם

יחוד פֿון זײַן הײליגען נאָמען. דאָס איז אַזאַ אוצר וואָס ליגט בעהאַלטען טיף בײַ דעם אידען אין האַרצען, אָבער ווי יענע אידען האָבען נאָר בעמערקט אַז דער פֿײַנד איז שוין נאָהענט און זײ האָבען מורא געהאַט אַז זײ וועלען ניט קאָנען בײַשטײן בײַן נסיון פֿון די שווערע און ביטערע יסורים וואָס עס שטעהט זײ פֿאָר, האָבען זײ זיך אַליין געטויט. עס איז אויך געוועזען אַ צײַט אין מיטעלאַלטער (ימי הבינים) וואָס די עלטערען אַליין האָבען געשאָכטען זײערע קינדער און זײ האָבען געמאַכט אַ ברכה: „אשר קדשנו במצותיו וצונו על קדוש השם, און די קינדער האָבען געענטפֿערט „אמן" נאָך דער ברכה און האָבען אויסגעשטרעקט די העלזער צום שעכטען, און דערמיט האָבען זײ מציל געוועזען דעם טײַערען בעהאַלטענעם אוצר פֿון בוי"ת, דעם יחוד פֿון זײַן הײליגען נאָמען. אויף דערויף בעטען מיר: „עשה למען טבוחים על יחודך".

דער אונטערשיעד פֿון דעם פֿריערדיגען חרוז צו דעם חרוז, בעשטײט אין דעריגען. אין פֿריערדיגען חרוז זאָגט ער „הרוגים על שם קדשך". „שם" איז אַ פּרסום, ווי עס שטײט אין פּסוק: „ונעשה לנו שם", און אין גמרא געפֿינען מיר: „אשריך שזכית לשם". ווען אַז מ'זאָל נויטען אַ אידען דורך די שרעק פֿון הרגענען ער זאָל אָננעהמען אַ פֿרעמדען גלויבען, וואָלט ער פֿונדעסטוועגען אין האַרצען געגלויבט אין בוי"ת, אַזוי ווי עס האָט פּאַסירט אין שפּאַניען. פֿלעגט מען נאָר בערויבען דעם פּרסום פֿון זײַן הײליגען נאָמען, אָבער די אמונה פֿון האַרצען האָט מען ניט אַוועקגערויבט, און זײַן יחוד איז געבליבען בײַן אידען אין האַרצען. ווי דער עקדה טײַטשט דעם פּסוק: „אם שכחנו שם אלהינו" אויב מיר האָבען פֿאַרגעסען דעם נאָמען פֿון בוי"ת אַפֿילו ווען מיר האָבען מכלומרשט אָנגענומען אַ פֿרעמדע אמונה „ונפרוש כפינו לאל זר" „הלא אלקים יחקר זאת". דער בוי"ת ווײס דאָך וואָס בײַ אַ מענשען אין האַרצען טוט זיך. אָבער ווען מ'נויט אַ אידען דורך יסורים ער זאָל אָננעמען אַ פֿרעמדען גלויבען בפרהסיא און דערפֿון זאָלען זיך אָבלערנען אַנדערע נאָכצוטאָן. דאַן האָט מען טאַקע אַוועקגערויבט דעם יחוד פֿון בוי"ת בײַ דעם אידען פֿון האַרצען. מ'האָט אַוועקגערויבט די באַהאַלטענע אוצרות זײַנע. און דאָ אין דעם חרוז ווערט גערעדט פֿון די מענשען וואָס האָבען בעוויזען אַ גרעסערען נסיון, וואָס זײ האָבען אַליין אויסגעשטרעקט די האלז און געלאָזט זיך שעכטען צו ראַטעווען די טײַערע בעהאַלטענע אוצרות פֿון בוי"ת, און דערמיט האָבען זײ אָנגע-

זוינען אז די ליבשאפט פון עלטערען צו קינדער און פון קינדער צו עלטערען האט גאר קיין ווערטה ניט געגען די ליבע צום בוי"ת, וואס ער איז דער איינציגער און דער אמת'ער פאטער אונזערער: און דערמיט האבען זיי פערשטארקט זיין מלוכה, דערום בעטען מיר: „אבינו מלכנו עשה למען טבוחים על יחודך".

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ עֲשֵׂה לְמַעַן בָּאֵי בָאֵשׁ וּבַמַּיִם עַל קִדּוּשׁ שְׁמֶךָ׃

אונזער פאטער אונזער קעניג, טו עס וועגען די וואס האבען זיך געווארפען אין פייער און אין וואסער אום צו פארהייליגען דיין געטליכען נאמען.

ביין פארט פון די שטאט יפו אין ארץ ישראל איז דער ים זייער א שטורימדיגער, עס טרעפט צייטען אז עס גייט אוועק וואכען לאנג וואס מ'קאן ניט צוגיין מיט די קליינע שיפלעך צו דער גרויסער שיף, און די וואס פארען מיט דער גרויסער שיף אין יפו קאנען זיך ניט אבשטעלען און כ'מוז פארען ווייטער, פון דער זייט אז מ'פארט מוז מען פארען ביז פורט-סעיד און פון יענער זייט ביז חיפה, און פון דארט פארען אין יפו. אמאל איז געקומען דער פריישישער קראן-פרינץ אין יפו, גראדע ווען דער ים האט זייער געשטורעמט און ער האט געוואלט דוקא אבשטייגען אין יפו מיט א קליינע שיפעל, און א פאלע פון ים האט טאקע אויפגעהויבען די שיפעל און האט זי א קער געטאן און דער קראן-פרינץ איז אריינגעפאלען אין ים. איז אריינגעשפרונגען איינער א אראבער אין ים און האט איהם ארויסגענומען פון ים און האט איהם געבראכט צום ברעג און האט געראטעט זיין לעבען. דער אראבער האט בעקומען א דאנק פון פריישען קייזער און אויף זיין גאנצען לעבען קריגט ער געהאלט פאר דעם וואס ער האט זיך מוסר נפש געווען און געראטעט דעם קראן-פרינץ פון טויט.

הייליגע אידען! אט מיט דער טענה קומען מיר אויך צום

רבש״ע, עס איז געוועזען צייטען וואס די אידישע פאלק זיינען געגאנגען אין פייער און אין וואסער און האבען איבערגעטראגען גרויסע יסורים, ניט נאר צו רעטען דעם אוצר המלך, דעם „דת ישראל״ — מ׳זאל איהם ניט צוראבירען, נאר אויך צו הייליגען איהם און אויפצוהייבען דעם הייליגען נאמען פון בוי״ת, צו מפרסם זיין איהם און מאכען איהם גרויס צווישען די אומות העולם. דאס איז געוועזען אין די צייט פון די שפאנישע אינקוויזיציע. עס איז געוועזען אזעלכע וואס זיי האבען זיך מיט זייערע אידישקייט פריהער בעהאלטען, אבער ווען מ׳האט זיי געחאפט אז זיי פירען זיך נאכ׳ן אידישען דת האבען זיי אבגעדאנקט דעם בוי״ת און זיי זיינען אריינגעשפרונגען אין פייער פאר אלעמען אין די אויגען מיט א אויסגעשריי: „שמע ישראל ה׳ אלקינו ה׳ אחד״! און דערמיט איז געהייליגט און דערהויבען געווארען דער נאמען פון דעם בוי״ת פאר אלעמען אין די אויגען. (און דאס איז דער אונטערשיעד פון דעם חרוז צו דעם פריערדיגען. דארטען ווערט גערעט פון די וואס האבען זיך געלאזט שעכטען צו רעטען זיך פון יסורים, און דא רעדט זיך פון די וואס זיי האבען אויף זיך מקבל געוועזען יסורים. און דארטען האבען זיי עס געטאן נאר צו פארהיטען דעם יחוד השם פון צו ראבירען איהם, און דא רעדט זיך פון די וואס האבען דאס געטאן צו פארהייליגען נאך און ערהויבען דעם נאמען פון בוי״ת), הײַנט ווארום זאלען מיר אידען זיין ערגער פאר דעם ערבי וואס איז אריינגעשפרונגען אין וואסער און געראטעוועט דעם קראן־פרינץ פון טויט האט מען איהם דערפאר געגעבען צום לעבען זיינע גאנצע יאהרען, מיר האבען זיך דאך אויך געווארפען אין פייער און אין וואסער צו פארהייליגען דיין נאמען, דארפסטו דאך דערפאר אויך טאן גוטעס מיט אונז?

מיט׳ן דין איז א איד מחויב זיך מוסר נפש זיין ווען מ׳נויט איהם עובר צו זיין אויף די דריי הארבע עבירות: „עבודה זרה, גלוי עריות ושפיכת דמים״. אבער ווען מ׳נויט איהם עובר זיין אויף א אנדער עבירה איז ער ניט מחויב זיך מוסר נפש זיין, ווי איז אבער אז ער וויל זיך יא מוסר נפש זיין אויף א אנדער עבירה, נאך די דעה פון תוספות אין כתובות מאג ער יא זיך מוסר נפש זיין, מער ניט ער איז דאס ניט מחויב, דער אונטערשיעד פון א זון צו א קנעכט בעשטייט אין דעם: א קנעכט טוט ניט ע״פ רוב א זאך וואס ער איז ניט מחויב צו טאן אבער אקינד טוט אלץ אפילו ער איז דאס ניט מחויב צו טאן ע״פ דין. הײַנט די וואס האבען זיך מוסר

נפש געווען אויך פאר אנדערע עבירות ווערען זיי אנגערופען קינדער, און די וואס האבען זיך מוסר נפש געווען נאר פאר די דריי הארבע עבירות ווערען זיי אנגערופען קנעכט, זיי האבען געטאן א זאך וואס זיי זיינען מחויב געווען צו טאן, דאס בעטען מיר: „אבינו מלכנו עשה למען באי באש ובמים על קדוש שמך".

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ נְקוֹם לְעֵינֵינוּ נִקְמַת דַּם עֲבָדֶיךָ הַשָּׁפוּךְ:

אונזער פָאטער אונזער קֶעניג, נֶעם רַאכֶע פַאר דָאס בְּלוּט פוּן דַיינֶע קְנֶעכְט וָואס אִיז פַארְגָאסֶען גֶעוָוארֶען.

איינער א גרויסער גביר האט געהאט א גרויסע קראם פול מיט סחורה, די סחורה איז געווען פון זייער טייערע סארטען אז עס איז איהר גלייכען ניט געווען, גענען די קראם איז געווען א אנדער קראם וואס דארטען האט מען פערקויפט געפעלשטע און נאכגעמאכטע סחורה פון דעם זעלבען סארט, האט דער קרעמער ניט געקאנט פערקויפען זיינע געפעלשטע סחורה מחמת די גוטע סחורה פון דעם רייכען קרעמער. אמאל איז דער רייכער קרעמער אוועקגעפאהרען אין א ווייטע וועג, האט זיין קאנקורענט אונטערגעשיקט רויבער מ'זאל צוראבירען די קראם זיינע, און זיי האבען צובראכען די וויטריוועשויב און זיי האבען אראבגענומען דעם שילד וואס איז געהאנגען אויפ'ן טיר פון קראם אז די קונדען זאלען ניט וויסען אז דארטען ווערט פערקויפט ראיעלע סחורה, זיי זאלען ניט גיין דארטען קויפען. איינער פון דעם גבירס גוטע פריינד האט דאס דערזעהן די אללע שאדענס וואס די רויבער האבען געמאכט ביין גביר אין קראם. משפט'ען זיך מיט זיי האט ער ניט געקאנט, האט ער גענומען פאר זיין אייגענע געלט און האט געמאכט א נייעם שילד אויפ'ן קראם. און האט געקויפט נייע סחורה און האט דעם געשעפט געלאזט אויף לעבען פון דאס ניי, און עס זיינען געקומען פיעל קונדען קויפען סחורה. נאכהער ווען דער גביר איז געקומען פון וועג, ער איז גע-

ווען אַ גרויסער תקיף און אַ מעכטיגער מענש, האָט ער שטאַרק בעשטראָפט די רויבער און זיי האָבען געמוזט די ראַבירטע סחורה צוריק אָבגעבען און צוריק אוועקשטעלען דעם שילד וואָס זיי האָבען גערויבט, און ער האָט אין זיין קראָם אויפגעעפענט נאָך אַ פענסטער און אַריינגעשטעלט נאָך אַ וויסטאַווע־שויב, און זיין געשעפט איז געוואָרען זייער פּאָפּולער ביי אַלעמען, און אַלע האָבען געוואוסט אַז נאָר דאָרטען ווערט פערקויפט ראַיעלע סחורה און די סחורה פון דעם קאָנקורענט איז געוואָרען בעוואוסט פאַר געפעלשטע און אַלע קונדען האָבען אויפגעהערט צו קויפען דאָרט און מ'איז נאָר געגאַנגען קויפען די גוטע סחורה, און דעם גוטען פריינד זיינעם האָט ער בעצאָהלט זיבען מאָל דאָפּעלט פאַר אַלעם וואָס ער האָט געטאָן פון זיין געשעפט וועגען, און ער האָט איהם צוגענומען צו זיך אויף שטענדיג.

הייליגע אידען! אין די פריערדיגע חרוזים איז שוין געווען אַרומגערעדט אַז עס איז געווען צייטען וואָס אונזערע פיינד, וואָס זיינען די פיינד פון בוי״ת, האָבען געוואָלט אָבמעקען דעם נאָמען פון אַ איד און אַראָבפיהרען זיי פון זייער גלויבען, און זיי האָבען צוראַבירט די גוטע סחורה — דאָס איז די ריכטיגע אמונה אין בוי״ת. זיי האָבען אַראָבגענומען דעם שילד פון זיין קראָם, דאָס איז דער פרסום פון זיין גאָטהייט, ווייל צוליעב זיינע ראַיעלע סחורה קאָנען זיי ניט ליידען פאַר זייערע געפעלשטע סחורה. — דאָס איז די פאַלשע אמונה זייערע, די געצין, די אָבגעטער, און דער בוי״ת איז אוועק אין אַ ווייטע וועג (הלך בדרך למרחוק). דען צוליעב אידישע זינד האָט ער אָבגעקערט דעם פנים פון זיי. אָבער עס האָבען זיך געפונען ליבהאָבער פון בוי״ת צדיקים קדושים וואָס זיי האָבען זיך מוסר נפש געווען פון זיינטוועגען און זיי האָבען מקדש השם געווען. און דורך דעם האָבען זיי אַריינגעבראַכט פרישע סחורה און אין קראָם — אַ בענייטע אמונה, און זיי האָבען געמאַכט אויף איהר אַ שילד — אַ גרויסען פרסום אַלע זאָלען וויסען אַז נאָר דאָרטען ווערט פערקויפט ראַיעלע סחורה, וויפיעל מענשען פון די אומות העולם זאָגאַר האָבען דאָס צוגעזעהן פערוואונדערטערהייד, ווי מיר געפינען ביי ר׳ חנינא בן תרדיון מיט׳ן קלצטינירי (ע״ז י״ח) וואָס ער האָט זיך אויך אין פייער געוואָרפען. נאָר מיר וואַרטען אַז גאָר אין אַ קורצע צייט וועט זיך דער בוי״ת אומקערען פון זיין ווייטע וועג, וואָס ער האָט זיך ערווייטערט פון אונז צוליב אונזערע זינד

און ער וועט אונז ערנעהנטערען צו זיך ווידער, און דאן וועט ער נעמען ראכע פון די רויבער וואס זיי האבען זיין קראם צורויבט, ביז זיי וועלען איהם אומקעהרען די רויב צוריק, און דאן וועט זיין נאמען ווערען גרוים צווישען אלע פעלקער און אלע וועלען איהם אין איין קאמפאניע דינען. אום צו ערקלערען אונזערע רייד, וועלען מיר פריער ערקלערען וואס די גמרא זאגט (ברכות דף ל"ג): „גדולה נקמה שנתנה בין שתי אותיות שנאמר אל נקמות ה'". די נקמה איז גרוים וואס זי שטייט צווישען צוויי הייליגע נעמען פון בוי"ת. די בוונה פון דעם מאמר איז: אין מדרש שטייט: בשהקב"ה נפרע מן הרשעים שמו מתקדש בעולם". ווען דער בוי"ת בעשטראפט די רשעים ווערט זיין נאמען געהייליגט אויף דער וועלט. האבען מיר ערקלערט וואס ער זאגט דא מיט'ן לשון „נפרע". וואס איז ניט דער טייטש ער בעצאלט דעם רשע נאר ער מאנט איין פון רשע, ד"ה אז דער רשע בעצאלט דעם בוי"ת? ווייל דער רשע בשעת ער טוט די שלעכטעס מאכט ער א חלול השם, און דורך דעם וואס ער בעקומט זיין שטראף ווערט געהייליגט דער נאמען פון בוי"ת וואס ער איז דורך איהם נתחלל געווארען. ווי עס שטייט אין פסוק: „באשר משפטיך לארץ צדק למדו יושבי תבל". ווען דו טוסט משפט'ען די רשעים לערנט זיך די וועלט אב צו טאן גערעכטיגקייט.

און דאס מיינט מען טאקע: „גדולה נקמה שנתנה בין שתי אותיות". דאס איז איהר גרויסקייט, דאס דורך דעם ווערט געהייליגט דער נאמען פון דעם בוי"ת. און דערום ווען דער בוי"ת וועט טאן משפט'ען די רשעים וועט די אמונה אין בוי"ת ווערען גרעסער (דאס איז וואס עס וועט צוקומען סחורה). און עס וועט אוועקגעשטעלט ווערען א נייער שילד אויף זיין קראם (דאס איז דער פרסום פון זיין נאמען צווישען די פעלקער). אט דאס בעטען מיר: „נקום לעינינו נקמת דם עבדיך השפוך", ווייל צוליב דעם וואס זיי האבען גערויבירט האבען די ערליכע אידען (דעם אויבערשטענס קנעכט) געמוזט אוועק-געבען זייער לעבען און געלאזט זייער בלוט פארגיסען צו מקדש זיין שם שמים וואס די גוים האבען איהם מחלל געווען, און יעצט וועט דער בוי"ת מאנען פון זיי דעם היזק וואס זיי האבען געמאכט.

ווען דער בוי"ת וועט טאן משפט אין די רשעים וועט גע-גרויסט ווערען זיין מלוכה, ווי עס שטייט אין פסוק: „מלך במשפט יעמיד ארץ", נאר מיר בענוגענען זיך ניט מיט'ן משפט אליין וואס ער וועט טאן, נאר מיר בעטען „נקום ל ע י נ י נ ו" דו זאלסט נעמען

ראבּע פאר אונזערע אויגען. ווי א קינד אז ער זעהט דער פאטער
גייט אויף א שמחה בעט ער ער זאל איהם מיטנעמען, ער וויל אויך
האבען פערגניגען פון דער שמחה, אזוי בעטען מיר: „אבינו" אונזער
פאטער—„נקום לעינינו", מיר ווילען אויך זיין אויף דער שמחה,
„מלכנו", אונזער קעניג (נקום) „נקמת דם עבדיך השפוך".

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ עֲשֵׂה לְמַעַנְךָ אִם לֹא לְמַעֲנֵנוּ:

אונזער פאטער אונזער קעניג, טו עס פון דיינט וועגען אויב מיר זיינען ניט ווערט צו טאן פון אונזערט וועגען,

איינער האט געשוואומען אין טייך און איז אריין צווישען אגרויסען שטראם וואסער וואס פליסט זייער רייסענדיג און האט זיך אן געהויבען טרינקען, ביים טייך איז געשטאנען אגרויסער שווימער וואס ער האט איהם אפילו געקאנט ראטעווען, ער איז אבער געווען אויף איהם אין כעס, דער מענש וואס טרינקט זיך האט איהם פיל שמערצען פארשאפט, איז ער דעריבער געשטאנען פון ווייטען, ווען ער האט געזעהן אז זיין שונא ראנגעלט זיך מיטען שטראם וואסער, און ער האט זיך צום הארצען דאס גאר ניט גע. נומען, דער מענש וואס טרינקט זיך האט איהם אוים געשטרעקט די הענט ער זאל איהם ראטעווען, און האט איהם אנגעהויבען בעטען: יא עס איז מעגליך זאגט ער אז איך בין טאקע ניט ווערט דו זאלסט מיר ראטעווען פון שטראם וואסער, וויל איך האב דיר פיל שמערצען פארשאפט, אבער דו דארפסט וויסען אז ווען דו וועסט מיר ארויסראטעווען פון אזא טיפען און א שטראמעדיגען וואסער וועט דיין נאמען ווערען פאפולער אויף דער וועלט, וועלען אלע וויסען אז דו ביסט א גרויסער שווימער, און אלע וועלען זעהן דיין גרויס[illegible] מאכט און דיין גרויסען טאלאנט.

דאס זעלבע איז מיט אונז הייליגע אידען! מיר בעטען פון דעם בוי"ת: מיר טרינקען זיך אין שטראם פון דער וועלט, און די חוואלעס פון דער צייט פליען איבער אונזערע קעפ—אלזא זאלסטו אונז ארויסראטעווען פון טויט, הגם מיר זיינען ניט ווערט ביי דיר

אז דו זאָלסט אונז ראַטעווען, דען מיר האָבען פיל פאַרבראָכען געגען דיר, אָבער מיר בעטען דיר דו זאָלסט טאָן פון דיינט וועגען, אז די גאַנצע וועלט זאָל וויסען אַז דו ביסט אַגרויסער שוויַמשער און דיין מאַכט איז זייער גרויס. אָט דאָס בעטען מיר: „עשה למענך אם לא למעננו".

נאָר פון דעסטוועגען בעטען מיר: „עשה למענך אם לא למעננו" אויב עס איז ניט מעגליך דו זאָלסט טאָן פון אונזערט וועגען, אָבער בעסער וואָלט געווען ער זאָל טאָן פון אונזערט וועגען נאָר אויב ער וויל ניט טאָן פון אונזערט וועגען זאָל ער טאָן פון זיינטוועגין. אויב אז ער וועט טאָן פון אונזערט וועגין וועט דאָס זיין אזוי ווי אַפאָטער וואָס ער טוט פון אַקינדס וועגען חאָטשי ער איז דאָס ניט ווערט. דאַן פאַסט צו רופען איהם „אבינו" אונזער פאָטער, און ווען ער טוט פון אונזערט וועגען צו ווייזען זיין מעכטיגקייט פאַסט צו רופען איהם „מלכנו" אונזער קעניג, „עשה למענך אם לא למעננו".

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ עֲשֵׂה לְמַעַנְךָ וְהוֹשִׁיעֵנוּ:

אוּנְזֶער פָאטֶער אוּנְזֶער קֶענִיג, טוּ פוּן דַיינְט וֶועגֶען אוּן הֶעלְף אוּנְז.

איינער איז געגאַנגען אין וועג זיינען אַרויפגעפאַלען אויף איהם רויבער און זיי האָבען איהם געשלאָגען און צו בילט, זיי האָבען איהם געוואָלט בארויבען, אין דעם איז אָן געפאָרען איינער אשטאַרקער מענש, אגבור חיל, ער האָט געגעבען די רויבער אפּאָר גוטע קלעפּ זיינען זיי זיך צו לאָפען. דער גבור האָט זיך אריין געזעצט אין זיין קאַרעטע און וויל פאָרען ווייטער און ער האָט זיך גאָר ניט גערעכענט מיט דעם גערויבטען, ווי באַלד רעכענט ער אז ער האָט שוין די רויבער צו טריבען איז ער דאָך שוין זיכער, יענער האָט איהם אָבער ניט אָבגעלאָזען און אָן געהויבען שטאַרק בעטען אז ער זאָל איהם ניט אַוועקוואַרפען, און ער זאָל איהם מיט נעמען מיט זיך אויף זיין קאַרעטע. וואָרום ווען די רויבער-באַנדע וועט דער שפּירען אַז דער גבור איז אוועק געפאָרען וועלען זיי איהם צוריק באַפאַלען, דאַן האָט דער גבור גאָר ניט

אויף געטאָן מיט דעם וואָס ער האָט איהם גערעטעוועט, דערום בעט ער איהם ער זאָל איהם אין גאַנצען אַרויס העלפען פון די רויבער, דאַן ווערט ער זיך קאָנען באַרימען אַז ער האָט איהם גערעטעוועט פון די רויבער.

דאָס זעלבע איז מיט אונז היילינגע אידען! אויף אונז זיינען געקומען רויבער וויפיל מאָל, און דער בוי"ת האָט אונז מציל געוועזען פון זיי און ער האָט זיי פאַרטריבען, אָבער כל זמן ער האָט אונז נאָך איבערגעלאָזען אויפ'ן שיקזאַל איז קיינע נוצען ניט, דאָס איז קיין ריכטיגע הילף. דען זיי באַפאַלען נאָך אונז אַלץ ווידער און זאָגען אַז דער בוי"ת קוקט שוין גאָר ניט אויף אונז, דערום בעטען מיר איהם: „עשה למענך והושיענו". דו זאָלסט אויף אונז אַכטונג געבען מען זאָל ווייטער אויף אונז ניט באַפאַלען. דאַן וועלען אַלע וויסען אַז נאָר דיר דאַרף מען דאַנקען און נאָר צו דיר דאַרף מען דינען.

דאָס וואָס ער איז אונז מציל ווייזט ער צו אונז זיין ליבשאַפט ווי אַ פאָטער צו קינדער, און וואָס ער באַשטראָפט די רויבער איז מחמת די מאַכט פון זיין קעניגרייך דען דאַדורך ווייס מען די שטאַרקייט פון זיין מלוכה, אָט דאָס בעטען מיר: „אבינו מלכנו עשה למענך והושיענו".

אָבִֽינוּ מַלְכֵּֽנוּ עֲשֵׂה לְמַֽעַן רַחֲמֶֽיךָ הָרַבִּים:

אונזער פאָטער אונזער קעניג, טו וועגין דיינע פיל דער באַרימקייט.

איינער איז געקומען צופאָרען אויף אַ יריד (יאַרמאַרק). ער האָט געבראַכט פיל סחורה צו פאַרקויפען, עס איז אָבער געווען ווייניג קויפער אויף די סחורה, איז געקומען אַ סוחר און האָט איהם פאַרגעליינט פאַר די סחורה אַקליינעם פרייז, נאָר וויל ער האָט געהאַט זייער פיל סחורה האָט ער געמוזט אוועק געבען דעם סוחר פאַרען קליינעם פרייז, וויל ער האָט קיין אַנדערע סוחרים אפילו

אויף קיין קליינעם פרייז אויך ניט געהאט. עס שטייט אין מדרש: „מתחלה עלה במחשבה לברא את העולם במדת הדין" פריער האט דער בוי"ת געוועלט צו בעשאפען די וועלט מיט'ן מדת הדין, ווי עס שטייט אין פסוק: „בראשית ברא אלקים" (אלקים איז דין). „ראה שאין העולם קיים", ער האט געזעהן אז מיטען מדת הדין קאן די וועלט ניט אויסהאלטען „שתף אליו מדת הרחמים", האט ער צו געמישט רחמים אויך צום דין, „ולא עוד אלא שהקדים רחמים לדין" ער האט נאך מקדים געווען פריער רחמים פאר דין. „שנאמר ביום עשות ה' אלהים ארץ ושמים", איז פריער ה' וואס דאס איז רחמים און נאכהער אלקים וואס דאס איז דין. זעהען מיר דאך דערפון אז ביי דעם בוי"ת איז דא רחמים אפולע און ער האט ניט וועד עס זאל דאס ווערט זיין צו קריגען, און שיינקען שיינקט דער בוי"ת ניט, ווי די גמרא זאגט: כל האומר הקב"ה ותרן יותרו חייו". מען טאר ניט זאגען אז דער בוי"ת שיינקט אומזיסט, דערום האטשי מיר גיבען דאך אויך ניט די ווערטה פון די סחורה זיינע, און מיר גיבען אויך אקליינעם מקח, אבער אין פערגלייך צו אנדערע פעלקער גיבען מיר דאך עפעס וואס עס איז פאר אמקח, און ווי באלד אז ער האט סחורה אפולע מוז ער אונז אוועק געבען פאר אקליינעם פרייז אונטער די ווערדע—פאר די ביסעל מדות און מעלות וואס מיר האבען, ווי באלד אז עס איז ניטא ווער עס זאל געבען אהעכערען פרייז.

ווען דער בוי"ת פירט די וועלט מיט מדת הרחמים ווערט ער אן גערופען פאטער „אב הרחמים". און ווען ער פירט די וועלט מיט'ן מדת הדין ווערט ער אן גערופען „מלך" ווי מיר געפינען: „מלך יושב על כסא דין". און נאכ'ן מדרש נאך איז דער בוי"ת מצרף רחמים צום דין, און ער איז מקדים רחמים צום דין. דערום בעטען מיר: „אבינו" מצד די מדת הרחמים וואס מיר בעטען פון איהם, „מלכנו" מצד די ביסעל ווערט וואס מיר האבען יא. דעם קליינעם מקח וואס מיר צאלען, ער זאל מצרף זיין ביידע צוזאמען און: „עשה למען רחמיך הרבים".

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ עֲשֵׂה לְמַעַן שִׁמְךָ הַגָּדוֹל הַגִּבּוֹר וְהַנּוֹרָא שֶׁנִּקְרָא עָלֵינוּ:

אונזער פָאטער אונזער קעניג, טוּ עס וועגען דעם גרויסען שטארקען און פארכטיגען נאמען וואס ווערט גערופען אויף אונז.

אין אַ שטאָדט איז געקומען אַגרויסער דאָקטאָר און האָט זיך געוואָלט באזעצען דאָרטען, די שטאָדט לייט האָבען איהם ניט געוואָלט אָננעמען סיידען ער זאָל פריער ווייזען דייטליך די ווירקונג פון זיין קוראַציע, אַז ער איז אַגרויסער דאָקטאָר, האָט מען געזוכט אין שטאָדט אַ קראַנקען ווען ער זאָל קאָנען בעווייזען זיין ספּעציאַלעטעט, איז גראַדע ניט געווען אַזאַ קראַנקער, האָט גענומען דער דאָקטאָר אַגעזונטען מענשען און האָט איהם אַרונטער געלאָזען אונטערען הויט אַסערום פון טיפוס קראַנקהייט איז ער קראַנק געוואָרען אויף טיפוס, און נאָכהער האָט ער איהם מייסטערהאַפט געהיילט, און אַלע האָבען געזעהן אַז ער איז טאַקע אַ גרויסער דאָקטאָר און זיין נאָמען איז גרויס געוואָרען אין שטאָט נאָך דעם איז אָבער געקומען דער קראַנקער צום דאָקטאָר און האָט געבעטען ביי איהם אַבאַפרידיגונג דערפאַר, דאָס ערסט—טענה'ט ער—איז ער דאָך דורך איהם געוואָרען פּאָפּולער און גרויס אין שטאָדט, צווייטענס: ער האָט דאָך געליטען אויך דערפון, חאָטשי ער האָט איהם אויסגעהיילט פון די קראַנקהייט וואָס ער האָט איהם קראַנק געמאַכט, אָבער דערווייל האָט ער דאָך געליטען ווייטאָגען און יסורים, דאַרף ער איהם דאָך דערפאַר באַפרידיגען.

די גמרא זאָגט אין יומא (דף ס"ט), „אמר ר' יהושע בן לוי למה נקרא שמן אנשי כנסת הגדולה מפני שהחזירו עטרה ליושנה אתא משה ואמר האל הגדול הגבור והנורא. אתא ירמי' ואמר עכו"ם מקרקרין בהיכלו איה נוראותיו, לא אמר נורא, אתא דניאל ואמר עכוים משתעבדים בבניו איה גבורותיו לא אמר גבור. אתו אינהו ואמרו אדרבה זו היא גבורת גבורתו שכובש את יצרו שנותן ארך אפים לרשעים ואלו הן נוראותיו שאלמלא מוראו של הקב"ה היאך אומה אחת יכולה להתקיים בין העכו"ם. ורבנן היכי עבדי הכי ועקרי תקנתא דתקין משה אמר ר' אלעזר מתוך שיודעין בהקב"ה שאמתי הוא לפיכך לא כיזבו בו", די גמרא זאָגט דאָ אַז די אנשי

אנשי כנסת הגדולה האָבען אום געקערט דעם בוי"ת זיין אלטען טיטול. משה האָט געזאָגט „האל הגדול הגבור והנורא" ירמי' האָט געזאָגט אז די גוים האָבען חרוב געמאַכט דעם בית המקדש טאָ וואו איז זיין מורא האָט ער „נורא" ניט געזאָגט, דניאל האָט געפֿרעגט אז די גוים דינען מיט זיינע קינדער וואו איז זיין גבורה האָט ער „גבור" ניט געזאָגט, זיינען געקומען די אנשי כנסת הגדולה און האָבען געזאָגט: אז דאָס איז זיין גבורה וואָס ער איז מאריך אף לרשעים, און דאָס איז זיין מורא דען ווען ניט זיין מורא, וואָלטען די אידען ניט געקאָנט אויסהאַלטען אזוי לאַנג צווישען די אומות, און זיי האָבען אומגעקעהרט דעם בוי"ת דעם אלטען טיטול מען זאָל זאָגען אין שמנה עשרה: „האל הגדול הגבור והנורא". דאַרף מען טאַקע פֿאַר שטיין פֿאַר וואָס האָט ירמי' ניט געזאָגט נורא און גבור האָט ער יאָ געזאָגט, און דניאל האָט גבור ניט געזאָגט און נורא האָט ער יאָ געזאָגט, און די אנשי כנסת הגדולה האָבען געזאָגט ביידע זאָלען גבור און נורא?

איינער איז געקומען אין אַ קראָם פֿון זייגערס און בעט מען זאָל איהם געבען אַגוטען זייגער ער וויל קויפֿען, דער קרעמער ווייזט איהם פֿערשידענע זייגערס צו פֿערשידענע פרייזען, איין זייגער ווייזט ער איהם, און זאָגט איהם דער זייגער איז גאָר אַגוטער און קאָסט טאַקע אַ סך געלט. דער קונד קוקט זיך איין און ביי איהם זעהן זיי אוים, דוכט איהם, אַלע גלייך, ער זעהט אין דעם קיין בעסערקייט אויף די איבעריגע, פֿרעגט ער דעם קרעמער, זאָג מיר—זאָגט ער צו איהם—וואָרום איז דער זייגער ביי דיר טייערער פֿאַר אַנ'אַנדערען, זיי זיינען דאָך אַלע גלייכע אַרבייט און איך זעה ניט אין דעם מעהר מעלה פֿאַר די איבעריגע? ענטפֿערט איהם דער קרעמער: אמת טאַקע פֿאַרין אויג זיינען זיי אַלע גלייך, איך ווייס אָבער אז די אַרבייט פֿון די פֿאַבריק איז אַנדערש פֿון די אַרבייט פֿון די איבעריגע פֿאַבריקען אין שטאַרקייט, און דו וועסט היינט אפילו גאָר ניט זעהן, אָבער אין אַ צייט אַרום וועסטו דאָס זעהן, דען די זייגערס פֿון אַנדערע פֿאַבריקען ווערען אין אַ קורצע צייט פֿאַרדאָרבען און דער זייגער פֿון דער פֿאַבריק וועט ניט פֿאַרדאָרבען ווערען אין פֿיל יאָהרען, לכן, איז חאָטש דער קרעמער ווייס דעם ווערטה פֿון די טייערע סחורה, אָבער דער קויפֿער קאָן דאָס ניט וויסען נאָר אין אַלאַנגע צייט אַרום, אז עס וועט אוועק גיין אַ לאַנגע צייט און דער זייגער וועט ניט פֿאַרדאָרבען ווערען,

דאַן וועט ער וויסען אַז ער איז אַ גוטער זייגער. און די שטאַרקייט
פון זייגער מיט דער צייט, צייגט אויף די אַרבייט פון דעם מייסטער
אַז זי איז גוט,—איז דערום האָטשי ירמי׳ און דניאל (זיי זיינען די
די קרעמער) האָבען אַליין געוואוסט די מדות פון בוי״ת אַז ער איז
אַ „גבור ונורא", אָבער זיי האָבען דאָס ניט געקאָנט זאָגען פאַרן נאַראָד,
וויל זיי וועלען דאָך פרעגען די שאלות: „איה הן גבורותיו איה הן
נוראותיו"? וואו איז זיין גבורה און וואו איז זיין מורא? און זיי וועלען
דאָך די תירוצים פאַר דער צייט ניט פאַרשטיין, צום ביישפיל אַז
ירמי׳ האָט געפרעגט: „עכו״ם מקרקרין בהיכלו איה הן נוראותיו"?
האָט וועלען מיר ענטפערען: „שאלמלא מוראו איך אומה יכולה
להתקיים בין העכו״ם". ווי די אנשי כנסת הגדולה האָבען געענטפערט,
די תשובה האָט געפאַסט ערשט אין פיעל יאָהרען שפּעטער. אָבער
אין די צייט פון ירמי׳ איז דאָס נאָך ניט געווען אַרויס צו זעהן,
וויל דאָס איז דאָך נאָך געווען אין די ערשטע צייט פון גלות,
דערום האָט טאַקע דניאל יאָ געזאָגט „נורא" וויל דניאל איז שוין
געווען לאַנג נאָכ׳ן חרבן האָט מען שוין געזעהן די מורא פון בוי״ת
אָבער ירמי׳ האָט קיין „נורא" ניט געקאָנט זאָגען, אָבער גבור האָט
ירמי׳ יאָ געזאָגט, וויל דאַן איז דאָך נאָך די פראַגע פון דניאל,
„גוים משעבדים בבניו איה הן גבורותיו", ניט געווען, דען דאָס
איז דאָך נאָך געווען אין די צייט פון חרבן האָבען זיי נאָך ניט
משתעבד געווען מיט די אידען.

און דניאל וואָס ער האָט שוין געזעהן ווי מען איז משתעבד
מיטען אידען און מען דריקט איהם און פון דעסטוועגען ברייננט מען
זיי ניט אונטער, האָט ער ניט געפרעגט: „איה הן נוראותיו", דען
ער האָט שוין געהאַט די תשובה פון די אנשי כנסת הגדולה: „הן
הן נוראותיו". נאַר ער האָט געפרעגט: „איה גבורותיו"? און די
תשובה פון די אנשי כנסת הגדולה: „שנותן ארך אפים לרשעים"
האָט נאָך אין זיין צייט אויך ניט געפאַסט, וויל עס איז נאָך ניט
געווען אַזאַ לאַנגע צייט נאָכ׳ן חרבן. אָבער אין די צייט פון די אנשי
כנסת הגדולה האָבען זיי געזעהן בייַדע זאַכען, זיי האָבען געזעהן זיין
מורא, וואָס מען מאַכט ניט קיין כליה מיט זיינע קינדער, און זיי
האָבען געזעהן זיינע גבורות וואָס עס איז שוין אַוועק אַזאַ צייט און
ער איז כובש כעסו ונותן ארך אפים לרשעים, דעריבער האָבען זיי
מחזיר עטרה ליושנה געווען, און האָבען געזאָגט „האל הגדול
הגבור והנורא".

זעהען מיר דערפון אז דער בוי"ת אום צו ווייזען זיינע גבורות, לאזט ער זיינע קינדער זאלען געפייניגט ווערען פון די אומות, דאס איז ריכטיג גלייך ווי יענער דאקטאר וואס ער האט דעם מענשען קראנק געמאכט צו ווייזען זיין גרויס קענטשאפט אין דאקטאריע. דערום בעטען מיר דערפאר אפארגיטיגונג.

אין דער תפלה ווערט נכלל סיי וואס דער בוי"ת טוט מיט אונז דעם כבוד וואס זיין נאמען ווערט גערופען אויף אונז, צו ליב דעם ווערט ער אנגערופען „אבינו" אונזער פאטער, און ווידער וואס עס ווייזט זיך ארויס זיין גרויסקייט אויף דער וועלט דורך אונז, און צו ליב דעם ווערט ער אנגערופען „מלכנו" אונזער קעניג, דאס בעטען מיר: „אבינו, מלכנו, עשה למען שמך הגדול הגבור והנורא שנקרא עלינו".

אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ חָנֵּנוּ וַעֲנֵנוּ כִּי אֵין בָּנוּ מַעֲשִׂים עֲשֵׂה עִמָּנוּ צְדָקָה וָחֶסֶד וְהוֹשִׁיעֵנוּ:

אונזער פאטער אונזער קעניג, באגנעדיג אונז און ענטפער אונז, דען מיר האבען ניט קיין גוטע מעשים טו מיט אונז צדקה און חסד און העלף אונז.

אין אשטאט איז געוועזען אגרויסער גביר, ער איז געוועזען אגרויסער נדבן, אבעל צדקה, אגוט הערציגער. אמאל זיצט ביי איהם אין שטוב זיינער א בעקאנטער און זעהט זיך צו ווי עס קומען ארעמע לייט בעטען נדבות; דעם גיט ער אקליינע נדבה דעם גיט ער אגרויסע נדבה, יעדערען נאך זיין בעדערפניש, און אלע זיינען צופרידען. אין דעם קומט אריין איינער מיט אפעקעל סחורה אויפ'ן פלייצע, דער גביר האט געקויפט ביי איהם אביסעל סחורה און האט איהם באצאהלט נאכ'ן פרייז נאך. דער מענש וואס איז דארט געזעסען און האט דאס צו געזעהן האט זיך געוואונדערט. די זיינען געקומען—זאגט ער—נאר בעטען נדבות און זיי האבען קיין זאך ניט געבראכט, האט זיי דער גביר אזוי פיין באהאנדעלט און האט זיי געגעבען מיט דער פולער האנד. און דער וואס ער האט ביי איהם נאך אביסל סחורה אויך גענומען האט ער איהם געפטרט מיט א קליי- ניגקייט; ענטפערט איהם אצווייטער וואס איז אויך געזעסען דערביי:

דער גביר איז אגרויסער נדבן, און אז מען קומט צו איהם בעטען אנדבה גיט ער די נדבה נאך זיין גוט הערצינקייט, אבער דער מענש בעט דאך געלט פאר סחורה דארף ער איהם צאלען נאך די מערשה פון די סחורה וואס ער האט גענומען ביי איהם. דאס זעלבע איז מיט אונז היילינגע אידען! ווען מיר קומען בעטען דעם בורא ית', אז מיר וועלען איהם בעטען פאר אונזערע מעשים דארף ער אונז בצאלען נאך די מעשים וואס מיר האבען געטאן, אבער ווען מיר בעטען ביי איהם חסד דארף ער אונז געבען חסד נאך זיין גרוים גנאד און נאך זיין גוטסקייט, דעריבער בעטען מיר: לא בחסד ולא במעשים באנו לפניך, כדלים וכרשים דפקנו דלתיך", מיר זיינען צו דיר ניט געקומען בעטען מיט די חסד וואס מיר טוען און ניט מיט די מעשים וואס מיר טוען, מיר זיינען נאר געקומען בעטען ווי ארעמע לייט, דען אז מיר זאלען קומען בעטען פאר אונזערע מעשים טובים וואס מיר טוען וועט ער דאך אונז געבען נאך אונזער ערך נאך און נאך דעם ערך פון די מעשים אונזערע דעריבער בעטען מיר בעסער „כדלים וכרשים", ער זאל אונז געבען נאך זיין ערך נאך, אט די זעלבע בעטען מיר דא אין דער תפלה: „חננו ועננו כי אין בנו מעשים", מיר האבען דיר ניט געבראכט קיין סחורה דו זאלסט אונז דארפען געבען נאכ'ן ערך פון די סחורה אונזערע, נאר מיר בעטען דיר: „עשה עמנו צדקה וחסד", און דאס וועט זיין גערעכ'נט נאך דעם ערך פון דיין גענאד און פון דיין גוטקייט. „והושיענו" און העלף אונז.

דער אונטערשייד פון צדקה און חסד איז: צדקה גיט מען א ארעמאן ניט אויף אפצוגעבען, און חסד איז וואס מען גיט אויף אוועק צו געבען, ווי רש"י מאכט אין פ' ויחי: ועשית עמדי חסד ואמת, חסד שעושים עם המתים הוא חסד של אמת שאינו מצפה לתשלום גמול", דעם חסד וואס מען טוט מיט א טויטען דאס איז אחסד של אמת, ער האט ניט צו באצאלט ווערען, ווייזט דאך דאס אז אין א אנדער ארט איז חסד אויף אפצוגעבען צוריק, אזוי ווי מענשען רופען אן „אגמילות חסד", אז מען לייט אויף אפצוגעבען, אז מיר בעטען צדקה בעטען מיר ער זאל אונז דעריבער געבען ווי אפאטער א קינד ניט אויף אב צוגעבען צוריק, און אז מיר בעטען חסד איז ווי מען בעט ביי א קעניג. דאס בעטען מיר „אבינו מלכנו כו' עשה עמנו צדקה וחסד והושיענו.